STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07594

GEZAMLTE LIDER

Bajnysz Zylbersztajn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביניש זילבערשטיין / געזאַמלטע לידער

ביניש זילבערשטיין

געזאַמלטע לידער

אַרויסגעגעבן דורך אַ משפחה-קאָמיטעט

פּאַריז 1957

פאָרטרעט געצייכנט פונעם קינסטלער י. טינאָוויצקי,
אומגעבראַכט דורך די נאַציס

געזעצט און געדרוקט ביי
מ אַ ק ס ה ע ר ש ב ו י ם
32, RUE DE MEAUX - PARIS 19•

B. ZYLBERSTEIN

RECUEIL DE POÈMES

(GEZAMLTÉ LIDER)

Copyright by B. Wandel-Zylberstein, 32 rue des Champs-Elysées
BRUXELLES (Belgique)

PRINTED IN FRANCE

Imprimerie de la Harpe, 32 rue de Meaux - PARIS XIXe

***

די שאַפונגען, וועלכע קומען אַריין אין דאָזיקן בוך, וואָס איך גיב איבער דעם יידישן לייענער, געהערן צו דער פּאָעטישער ירושה פונעם שרייבער־קדוש ביניש זילבערשטיין.

אין דעם דאָזיקן בוך גייען אַריין כמעט אַלע לידער און פּאָעמעס פונעם אומגעקומענעם דיכטער, וועלכע עס איז געלונגען אָפּצוראַטעווען — סיי לי־דער, וואָס זענען שוין געווען פאַרעפנטלעכט, סיי לידער, נאָך קיינמאָל נישט געדרוקטע און סיי לידער, וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן אונטער דער דייטשער הערשאַפט, אין בעלגיע, בעת דער דריטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן 1940—1942. די דאָזיקע שאַפונגען זענען גרופּירט אין דער זעק־סטער, דער לעצטער אָפּטיילונג פון בוך.

די לידער און פּאָעמעס, וואָס עס נעמט אַרום די דאָזיקע ירושה־זאַמ־לונג זענען נישט געסדרט לויט זשאַנער און טעמאַטיק, נאָר זענען אויסגע־שטעלט כראָנאָלאָגיש, לויט דער צייט ווען דער דיכטער האָט זיי געשאַפן, לויט דעם גאַנג פון זיין לעבן, וואָס איז אַזוי טראַגיש און העראָאיש איבער־געריסן געוואָרן אין סאַמע בלי פון זיין וווקס און שעפערישקייט.

ביניש זילבערשטיין איז דערשאָסן געוואָרן אין דייטשן קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער אוישוויץ בעת אַ רעוואָלט. דאָס איז געווען אין יאָר 1942. צו־זאַמען מיט אַ גרופּע בעלגישע יידן איז ער באַשטימט געוואָרן צו גיין אין גאַז־קאַמער. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געכאַפּט אַ שטיין כדי אים צו שליידערן אין איינעם פון זיינע מערדער. ער האָט גערופן די איבע־ריקע יידן נאָכצוטאָן זיין ביישפּיל. אַן ס.ס.־מאַן האָט אים אויפן אָרט דער־שאָסן. דאָס האָט מיר איבערגעגעבן אַ געוועזענער דעפּאָרטירטער, אַ ניצול־געוואָרענער פון אוישוויץ.

ביניש זילבערשטיין איז דאַן אַלט געווען פערציק יאָר.

ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1902, אין דאָרף וואַמפּיעזשעוו, גאַ־ליציע. זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין לאָדזש, קוטנע און וואַרשע. דאָרט

איז ער אויך גייסטיק רייף געוואָרן. ער האָט זייער פרי אָנגעהויבן צו שרייבן, נאָך אַלס קינד. זיין ערשטער רעדאַקטאָר איז געווען וולאַדימיר מעדעם. זילבערשטיין האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן זיינע ערשטע לידער אין די יאָרן 1925—1926 אינעם וואַרשעווער סאָציאַליסטישן זשורנאַל „יוגנט־וועקער". ער האָט שפּעטער מיטגעאַרבעט אין אויסלענדישע צייטונגען. ער גיט אַרויס אין יאָר 1922 זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „אין אייגענעם קרייז". ביז דעם יאָר 1934 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַכט ביכער, פּאָעזיע און פּראָזע. (דער לייענער וועט צום סוף פון בוך געפינען די פולע ביבליאָגראַפישע רשימה פון זיינע ווערק). אין יאָר 1925 גיט ער אַרויס אין וואַרשע דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „שפּראָצונגען" צוזאַמען מיט אהרן בעקערמאַן און דוד ספּאַרד.

אין 1935 האָט ביניש זילבערשטיין עמיגרירט קיין בעלגיע. ער האָט דאָרט אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „בעלגישע בלעטער". ער איז געווען אויך געזעלשאַפטלעך טעטיק. זיין שטאַרקער גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן האָט אים אויך מאָראַליש אונטערגעהאַלטן אין די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע. ביז צו זיין דעפּאָרטאַציע איז ב. זילבערשטיין געווען זייער שעפעריש. ער האָט די לעצטע יאָרן אינטענסיוו געאַרבעט איבער אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישער דיכטונג און איבער אַן אַנטאָלאָגיע פון פרעמד־שפּראַכיקער דיכטונג, איבער צוויי גרויסע ראָמאַנען זיינע און אַ זאַמלונג לידער. כמעט אַלץ האָבן די דייטשן פאַרניכטעט. פון אַלע זיינע אַרבעטן איז מיר בלויז געלונגען אָפּצוראַטעווען די אַנטאָלאָגיעס, אַ ראָמאַן, אַ דראַמע, עסייען, פאַרשידענע ליטעראַטור־ און קונסט־קריטישע זאַמלונגען און אויך דריי לידער־זאַמלונגען זיינע, פון וועלכע עס איז צונויפגעשטעלט דאָס דאָזיקע בוך.

די אלמנה

בינה זילבערשטיין

אַ באַגלייט־וואָרט

דער סדר־עולם איז, אַז יינגערע דאַרפֿן נאָכגיין נאָך לוויות פֿון עלטערע.
דער ליטעראַרישער סדר־עולם איז, אַז יינגערע דאַרפֿן שרייבן באַגלייט־ווערטער צו אחרי מות־אויסגאַבעס פֿון עלטערע חברים.

אָבער מיר לעבן דאָך אין אַ פֿאַרקערטער, אַן אומהיימלעך־אומעטיק פֿאַרקערטער וועלט. און דעריבער זיץ איך דאָ איצט און גרייט אַ באַגלייט־וואָרט צו דער לידער־זאַמלונג, וואָס מיין חבר אין יידישן וואָרט, מיין אַ סך, אַ סך יינגערער חבר ביניש זילבערשטיין האָט מיט גלויביקייט און התלהבות געשריבן, נאָר זיינע אויגן וועלן די זאַמלונג נישט זען.

שווער איז געווען ביניש זילבערשטיינס וועג, אַזוי אין דער ליטעראַטור און אַזוי אפֿשר נאָך מער אין לעבן. אַלע זיינע פֿערציק יאָרן לעבן זענען געווען פֿערציק יאָרן אין דער מדבר פֿון ליידן. און אויב עס זענען ליכטיקע מאָמענטן אַמאָל געווען — דער עיקר אין זיין נאָענטסטן פֿאַמיליע־לעבן, די ליבשאַפֿט פֿון זיין פֿרוי, נחת פֿון זיין קינד — אויך אין דער מדבר זענען דאָך דאָ אָאַזיסן...

אין די אָנדערטהאַלב צענדליק יאָרן פֿון מיין באַקאַנטשאַפֿט מיט ביניש זילבערשטיינען (נאָך דעם יאָר 1934, ווען איך בין פֿון פּוילן אַוועק, איז דער קאָנטאַקט געווען בלויז אַ בריוולעכער, געזען האָב איך אים שוין נישט מער) איז אָפֿט, גאָר אָפֿט אויסגעקומען צו זען אים סיי אין זיין אומאויסשעפּלעכער ענערגיע און סיי אין זיינע אומאויסשעפּלעכע ליידן — פֿיזישע, מאָראַלישע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע. אָפֿט איז ער מיר פֿאָרגעקומען ווי אַ מוראַשקע, וואָס עפּעס אַן אינערלעכער מוז, אַ נאַטור־באַפֿעל הייסט איר אויפֿהויבן אַ שטרויעלע, וואָס איז דריי מאָל אַזוי גרויס ווי זי אַליין, און טראָגן עס ערגעץ. הונדערט מאָל פֿראָבירט זי און פֿאַלט מיט איר משא, אָבער צום הונדערט און ערשטן מאָל דערטראָגט זי איר לאַסט, פֿילט אויס איר שליחות.

אַזוי האָט אויך זילבערשטיין נאָך אין זיין פריער יוגנט — און קעגן די געזעצן פון דער סביבה, אין וועלכער ער איז אַריינגעבוירן געוואָרן און אויפגעכאָוועט — זיך פּאַרמאָסטן צו ווערן אַ יידישער דיכטער פון באַדייט... אַלץ האָט זיך אין זיין לעבן אַנטקעגנגעשטעלט. אָבער ער האָט די טייערע משא, וואָס אַן אינערלעכע שליחות האָט קאַטעגאָריש באַפוילן צו טראָגן און דערטראָגן, אַלץ אויפסניי אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס אויפגעהויבן און טאַקע דערטראָגן. אָט דאָס לידער־בוך, וואָס איר — לעזערין, אָדער לעזער — האָט איצט אויפגעמאַכט און וועט באַלד לעזן, איז דער בעסטער עדות. נישט דערטראָגן ביז צום סאַמע ציל האָט ער זיך אַליין... אַוועקגעלייגט די משא, די שליחות איז אויסגעפּילט און ער אַליין איז אַוועק אויף דער לעצטער ליידנס־סטאַציע פון זיינע צוועלף מאָל צוועלף ליידנס־עטאַפּן, אַוועק קיין אוישוויץ און אין אַ רעוואָלט דאָרט אומגעקומען מיט אַ שטיין אין האַנט, צום נאַצי־מערדער געצילט...

אַ לעבעדיקער סימבאָל פון זיין אייביקן ליידנס־וועג. און אויך אַ לעבעדיקער סימבאָל פון זיין אייביקן פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט פון זיינע ליידן, וואָס זענען גלייכצייטיק געווען די ליידן פון זיין פאָלק און זיין קלאַס. וועט אַמאָל אַ יידישער מאָלער קומען און מאָלן זילבערשטיינען אין אָט דעם לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן — וועט ער גלייכצייטיק דאָס גאַנצע לעבן זיינס אַריינמאָלן אין אָט דעם מאָמענט. מען זאָגט, אַז אין דער לעצטער רגע פון אַ מענטשלעך לעבן גייט, ווי אַ בליץ, דאָס גאַנצע לעבן אַ פלי פאַרביי פאַרן לעצטן אויגן־ווונק.

געוועזן אַ יונגער דור אין פּוילן, געבוירן אויף דער שוועל פון דעם אומגליקלעכן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס האָט אַלע זיינע האָפענונגען אויף גייסטיק אויסלעבן זיך צוגעבונדן צו דער האַרציקער, הייליקער, אָרעמער בויד פון דער יידישער ליטעראַטור. ביניש זילבערשטיין איז געווען איינער פון די רעפּרעזענטאַנטן פון אָט דעם דור. יידיש און יידישע ליטעראַטור איז געווען זיין אַלץ, זיין אַלף און זיין תיו. אוודאי איז ער, ווי יעדער יונגער דיכטער, געשטאַנען אונטער השפעות, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט מאָריס ראָזענפעלד און אברהם רייזען און געענדיקט מיט דוד האָפשטיין און פרץ מאַרקיש, אָבער זיין לעבן איז אַזוי אַנדערשדיק געווען און דעריבער זיין ליד אַזוי אַנדערשדיק אין אונדזער יידישער דיכטונג.

ביניש זילבערשטיין האָט דערגרייכט שלימות, סיי אין פּראָזע און סיי אין ליד. אָבער איצט ליגט פאַר אונדז זיין לידער־זאַמלונג, געשריבן זענען די לידער אין פאַרלויף פון 24 יאָר, פון דער פריער יוגנט ביזן סוף. פרי האָט זילבערשטיין דערגרייכט אַ פאָרם־שלימות, ער האָט אַן איינגעבוירענעם טאַלענט פאַר ריטם געהאַט, אַן אָפן אויג פאַר בילד, די וויכטיקסטע

גאָטס מתנות אויף צו זיין אַ דיכטער. אינהאַלטלעכע רייפקייט האָט ער דערגרייכט אין זיינע פריע דרייסיקער, און לעצטע קלאָרקייט — אין די שפּעטע דרייסיקער, וואָס זענען טאַקע שוין זיין נאָענטסטער סוף געווען. אין 1940 האָט ער אין אַ ליד געשריבן:

אויב ס'וועט דער טויט נישט פרי פאַרשליסן מיינע אויגן,
צי מילד אַזוי, צי אפשר גאָר פאַרצאָגט,
אַ בלענד טון וועל איך מיטן ליכט פון רעגנבויגן — —
איך האָב דאָס לעצטע וואָרט נאָך נישט געזאָגט.

באַשערט איז אים געווען „אַ בלענד טון מיטן ליכט פון רעגנבויגן" דווקא אין אַ ליד, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער פינצטערער צייט פון מלחמה, אין יאָר 1940... אַ ליד וועגן דעם גאַנג צוריק אין גטעס אַריין פון אַלע גרויסע און אויך אַלע קליינע פון ישראל. באַשערט איז געווען, אַז די לעצטע פראַגע זיינע זאָל זיין:

איז ווער וועט זיין אָט דער, וואָס וועט דערלאַנגען אונדז אַ האַנט,
אַ האַנט אַזאַ, וואָס זאָל נישט איינגעטונקען זיין אין בלוט?

אָבער קיינער האָט אַזאַ האַנט נישט דערלאַנגט! דעם לעצטן אָנריר, וואָס זילבערשטיינס האַנט האָט געפילט, איז געווען אַ שטיין... אַ שטיין, וואָס ער האָט אַליין אָנגעכאַפּט, נקמה צו נעמען מיט זיין הילף פאַר אַלע עוולות, וואָס זענען אים געשען און זענען אַלעמען געשען און ער האָט זיי אַזוי שטאַרק און אַזוי האַרציק אַלעמאָל געפילט און דורכגעלעבט און גע־דורשט נאָך גערעכטיקייט.

אויב עס איז ערגעץ־ווו אַ בלייער און אַ שטיקל פּאַפּיר אין זילבער־שטיינס נאָענט געווען אין זיינע לעצטע טעג, און אַפילו שעהן, האָט ער זיי זיכער מיט זיינס אַ ליד, טאַקע מיט דעם לעצטן און דערזאָגטן וואָרט באַשריבן. אָבער אָט דאָס סאַמע לעצטע וואָרט האָט דער ווינט פאַריאָגט, דער רעגן אָפּגעמעקט. מוז דעריבער פאַר אונדז זילבערשטיינס לעצט וואָרט זיין אָט דאָס בוך, וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז. עס איז אַ שטאַרק וואָרט, אויפ־ריכטיק און אמתדיק.

נישט צו אייביקער רו באַגלייטן איצט מיינע ווערטער דאָס בוך פון מיין יינגערן חבר, נאָר צו אייביקער אומרו...

מלך ראַוויטש

מאָנטרעאַל, יוני, 1948

I

***

איך באַזינג דאָס גאַנצע לעבן,
איך באַזינג די נויט און ליידן;
כאָטש מיין ליד ווי שטאַרק עס שאַלט נישט,
דאָך די ווערטער טרייסטן, ריידן.

ווער ס'פאַרשטייט דאָרט די מעלאָדיעס,
ווער ס'פאַרשטייט דאָרט מיינע טענער —
איז עס נישט קיין פּראָסט באַזינגען,
נאָר אַ פלאַטערן פון פענער.

און אַ שאַלן פון טרומייטן,
און אַ רוישן ווי פון קריגער,
און אַ קלינגען ווי פון שווערדן,
פון אַ מחנה שטאָלצע זיגער.

קוטנע, 1918

דאָס יונגע מאַי-ליד

אָ, העלער מאַי, דו יונגער מאָרגן,
עס שמעקט מיט בעז היינט אין דער לופט;
מיט אויפגעוואַכטער פרייד, אָן זאָרגן, —
אין דיינע אָרעמס ליגט פאַרבאָרגן
די קראַפט, וואָס ציט צו דיר און רופט:

— „אָ, קינד, פאַרגעס, פאַרלאָז דיין נאַרע,
די טונקל־גראָ־פאַרשטויבטע ווענט;
דיין נעסט פון פייכטקייט, רויך און פאַרע;
עס גרינען לאַנקעס וווּנדערבאַרע,
די ערד איז אויסגעצירט און בלענדט...

דו עפן גיכער דיינע אויגן,
דאָס פעלד — פול בלומען, דאָרט — אַ זון;
און צו דער ליכט־צו אויסגעבויגן,
דו שטרעק די הענטלעך אויסגעצויגן,
און שריי אויס הויך און רוף דערפון:

— איך זע אַ זון מיט גינגאָלד־לאָקן,
וואָס איז געווען מיר פרעמד און ווייט;
פאַרשטעלט די ליכט מיר הויכע שטאָקן,
און שאָטנס אומעטום געשראָקן
עס האָבן מיך אַ לאַנגע צייט.

און איצט וויל איך פון גאָרנישט וויסן,
נאָר שוועבן — דאָס איז מיין פאַרלאַנג; —
איך וויל פון פרייהייט בלויז געניסן,
פון בלעטער־רויש און דופט דעם זיסן
און ריינעם פויגלשן געזאַנג!...״

קוטנע, 1920

מיין היים

...און לאַנג נאָך איז דער וועג פון פּיין
און אַזוי ווייט נאָך צו אַ ברעג;
ווייל באַרג־אַרויף — דער גאַנג איז שווער.
עס רינט דער שוויס. פון אויג אַ טרער.

ווענד איך צום הימל צו מיין בליק
מיט אַזאַ שטיל און שטום געבעט:
— אַלמעכטיקער, דערפיר מיך פאָרט,
אָ, צו מיין ציל־געבענטשטן אָרט.

מיך טרייבט די נויט פון שטוב אַרויס,
דער טרויער פון די בלאָע ווענט; —
און כ'האָב אין וועג זיך איצט געלאָזט,
מיין היים, די אָרעמע, פאַרלאָזט.

איז אמת, אַז מיין טאַטנס קול
נישט אויפגעציטערט האָט אין מיר?
און נישט געאַרט מיך, ווי דעם שטיין,
עס האָט מיין מאַמעס שטיל געוויין?...

קוטנע, 1920

***

האָבן מיר זיך אין אַ ווייטן, ווייטן גאַנג געלאָזן,
צווישן הויכע ווענט פון בערג און טיף־באַוואַקס'נע גראָזן.

גייען מיר אין שטילע נויטן, בלאָנדזשען מיר צוזאַמען,
צי ס'איז קעלטן זילבער־ווייסע, אָדער היצן־פלאַמען.

שטייגן מיר אויף בערג אַרויף און לאָזן זיך אַרונטער,
לייכט פאַר אונדז באַגינען אויף אַ זון, ווי רויטער צונטער.

און אין טוי־געוואַשענע, פיאָלעטע פאַרנאַכטן,
זעען מיר דעם טונקלען וואַלד דאָרט ליגן אַ פאַרטראַכטן.

זוכן מיר זיך אַ געצעלט אָפּ צווישן טיפע הייל,
זיצן מיר אין בלייכער שטילקייט — חלומען, דערציילן:

פון די היימיש־בלינדע ווייען, פון די יונגע פּיינען,
הערן צו די האַרטע ווענט און ס'העלפט דער ווינט מיט ווייגען.

הויבן מיר זיך לאַנגזאַם אויף אין אויסגעבענקטע רוימען,
ערגעץ־ווו אין וועלטן טיפע, וועלטן בלויז פון טרוימען.

ווייט פון אַלטן, אָפּגעלעבטן — ווו נאָך נייע צייטן. —
ס'איז די האָפענונג מיט אונדז — זי שוועבט, אונדז צו באַגלייטן...

קוטנע, 1920

***

וועסט אויפשטייגן און פאַרגיין,
ווי דער קלענסטער ווינטל־בלאָז;
און אויפבליען — וועלקן באַלד,
ווי דאָס בלימל צווישן גראָז.

קיינער וועט נישט וויסן גאָר,
קיינער וועט געדענקען דיך, —
ווי אַ שטערן טון אַ בליץ
און פאַרלאָשן ווערן גיך...

בלייבן וועט אַ בערגל ערד
ווייט פון היים, פון ווייב און קינד, —
וועט אַ ברעטל שטעקן דאָרט,
וועט פאַרטראָגן דאָס דער ווינט...

קוטנע, 1920

פון אלעמען פארלאזן

(מלחמה־מאָטיוו)

פון אַלעמען פאַרלאָזן,
פון אַלעמען — אַליין;
איך זיץ, די האָר צעלאָזן,
אין איינזאַמקייט — און כ'וויין.

שוין זענען אָפּגעפאָרן
חברים, פריינט אין קריג, —
ווי לאַנג, אָ, לאַנג וועט דויערן
ביז כ'וועל זיי זען צוריק?

און אַנדערע, מיין ליבער,
איך וואָגלען ערגעץ־ווו;
אין פרעמדן לאַנד אַריבער
צו זוכן דאָרטן רו.

אַוועק אין ווייטע ערטער
פון היימיש בויט און פיין!
איך זיץ מיר שטיל, אָן ווערטער,
אַן איינזאַמער — און כ'וויין...

קוטנע, 1920

ראָס ליד פון ממזר

אויפן מיסט בין איך געבוירן,
כ'האָב קיין היים נישט, קיין געצעלט;
אַ פּאַרוואָרלאָזטער, אַ קראַנקער,
וואַלגער איך זיך אין דער וועלט.

פרעמד דאָס וואָרט מיר: „טאַטע", „מאַמע"
קיינער הערט נישט מיין געוויין, — —
הענגט אין לופט מיין שטומע תפילה,
כ'בין אַ ממזר־יונג אַליין...

כ'האָב צוקאָפּנס נישט קיין קישן
און קיין העמד נישט אויפן לייב;
הינט און ווינט און ביי לאַמטערן
קאָן מען קויפן זיך אַ ווייב...

קוטנע, 1920

ס'איז אַ בלוט-רויטע זון אויף מײַן פענצטער געפאַלן...

ס'איז אַ בלוט־רויטע זון אויף מײַן פענצטער געפאַלן,
ס'איז אַ בלוט־רויטע זון אין מײַן שטיבל אַרײַן;
און האָט דאָרטן די טונקעלע שאָטנס פאַרטריבן,
און פאַרטרונקען דאָרט אַלץ אינעם בלענדיקן שײַן.

ס'איז אַ בלוט־רויטע זון אויף מײַן גאָרטן געפאַלן,
ס'האָט אַ בלוט־רויטע זון זיך אין גאָרטן צעשיט;
און עס האָבן די רויזן אין רויטן באַפאַרבט זיך,
און עס האָבן די בלומען זיך בלוטיק צעבליט.

און די קינדער זײַ האָבן אין גאָרטן געשפּילט זיך,
און מיט בלוט־רויטע קראַנצן די קעפּלעך באַצירט —
ס'האָט אין טײַכל אַ בלוט־רויטע זון זיך געשפּיגלט,
און פון ביימל צו ביימל זיך רואיק שפּאַצירט.

קוטנע, 1921

*

צי וואַרט אַ טאָג אויף מיר, אַ טאָג נאָך אין מיין שפּעטער,
אַ גאָלדענער, אַ גאָלדענער, מיט לעבנספולער פרייד? —
דער אויסגעבענקטער טאָג, דער יום־טוב אין מיין לעבן,
די שטילע שמחה מיינע — אין אַן אויסגעצירטן קלייד.

צי וואַרט אויף מיר דער טאָג אין יאָרן אויסגעבענקטער,
דער ליכטיקער, דער ליכטיקער פון מיינע גראָע טעג? —
אויב קומט ער, וועט ער זיין אין שטראַלן אַ באַקראַנצטער,
מיט שטראַלן זוניק־בלוטיקע, פון לאַנגן שווערן וועג...

קוטנע, 1921

***

יעדע זאַך, וואָס איך זע און דאָס אַלץ, וואָס כ'באַגרייף:
אי דעם ווינט אין דרויסן, דעם אומעט אין זיך —
איז אַ התראה פון טויט.

און די ליידן, וואָס כ'לייד און דאָס אַלץ, וואָס איך פיל:
אי דעם שטורעם אין דרויסן, דעם שטורעם אין זיך —
איז אַ התראה פון טויט.

און ווען ס'וועט נישט די זון מיר אַ בלענד־טון אין אויג,
אַז עס זאָל זיך מיין שמייכל מיר ווייזן צוריק —
איז אַ התראה פון טויט.

קוטנע, 1921

הונגער

שוין פאַרקויפט דאָס לעצטע מלבוש,
שוין פאַרקויפט דאָס לעצטע העמד;
ווידער בלייב איך אַזוי אָרעם,
ווידער בלייב איך אין דער פרעמד.

נאָך מער דריקט דער גראָער עלנט,
נאָך מער פרעסט די בייזע נויט; —
מוז איך דאָ פון הונגער אויסגיין,
וועט באַפרייען מיך דער טויט...

לאָדזש, 1921

יעדער מענטש איז אַ וועלט אַ באַזונדערע

יעדער מענטש איז אַ וועלט אַ באַזונדערע,
מיט אייגענעליידן און ביטערע פּיין, —
מיט אייגענע קאַמפן די שטורמישע
און זיך שטיקן אין אייגן געוויין.

יעדער מענטש איז אַ וועלט אַ באַזונדערע,
מיטן ראַנגלען זיך תמיד פאַר אייגענעם גוטס; —
אינעם קוואַל פון דער נויט זיך נאַר באַדנדיק
און דאָס טרינקען אַליין זיך אין אייגענעם בלוט.

יעדער מענטש איז אַ וועלט אַ באַזונדערע,
מיט אייגענעם האָפן צום הימל געווענדט;
מיט חלומות דערשטיקטע, פאַרשפּעטיקטע, —
מיט גיהנום, וואָס רויכערט און ברענט...

לאָדזש, 1921

כ'האָב ליב...

כ'האָב ליב דעם העלן רייץ פון יונגע, רייפע פרויען,
דעם אײדלען גלאַנץ פון זייערע בויגזאַם־ווייסע גלידער;
דעם דופט, וואָס שלעפערט איין — ווי שמעקעדיקע טויען...

כ'האָב ליב צו הערן שטיל־פאַרטרוימטע פרויען־לידער,
ווי פייגל — שוועבנדיק, צום הימל צו דעם בלויען, —
ווי פייגל — זינקענדיק אַראָפּ ווו אין דער נידער...

כ'האָב ליב דעם רייץ פון שפּילנדיקע פרויען־לאָקן,
וואָס ציטערן לייכט אויף ביי יעדן קלענסטן שימער,
ווי שאָטנס קילע, וואָס באַוועגן זיך צעשראָקן...

קוטנע, 1922

***

איך שפּרייז אין פאַרנאַכט אויף פאַרשנייעטע פעלדער,
ס'שפּרייט אויס זיך פאַרחלומט די ווייסקייט אַרום; —
איך טראָג אינעם האַרץ אַ באַהאַלטענעם ווייטיק,
אַ ווייטיק, וואָס פייניקט און מאַטערט מיך שטום.

איך גיי. אין פאָרויס און צוריק — ליגן שנייען,
די ווייסקייט — אַן אָנזאָג פון סוף און פאַרגאַנג;
די טריט פון די קראָען, אָ, ווי זיי דערמאָנען
אין מיינעם אַ צאַרטן פאַרשטיקטן פאַרלאַנג.

קוטנע, 1922

***

כ׳וועל גייענדיק זייען,
כ׳וועל גייענדיק זייען,
פֿאַרזייען די בייטן
פֿון יונגינקע טעג.
און זינגענדיק שניידן
די תּבֿואה די שווערע,
די זאַנגען פֿול־קעפּיקע,
בויגיקע אונטער דער האַנט.

כ׳וועל גייענדיק זייען
דעם צער פֿון מיין איצטער,
די פֿרייד פֿאַר מיין שפּעטער —
כ׳וועל זייען די קערנער פֿון זילבערנעם טאָג.

וואַרשע, 1922

צו דיר, וואָס איך וועל דיך שוין קיינמאָל ניש̇ט זען

באַזינגען דיך ? — צו שווער ! צו שוואַך, צו שוואַך די פּען,
בלאָס זענען אַלע פאַרבן,
דיין רייץ איז שטאַרקער פיל, דער צאַפּל פון דיין האַרץ
איז מעכטיקער פון ווערטער ;
צי ווייסטו מיין מחשבה, מיין באַגער ? כ'בין, אמת, אמת,
דיין באַשערטער ? — —
אַנטפּלעקן ? — ניין, צו פרי ! איך לייד פאַר פרייד און ווי,
איך לייד כמעט ביז שטאַרבן...

כ'זאָל זאָגן : כ'בין באַזיגט ? — אַ צאַרטע פרוי זאָל האָבן מיך אַזוי געפאַנגען ?
אַ פרוי, מיט אויגן — שוואַרץ, מיט אַ נשמה — זיס, וואָס איז
פון מילדקייט מילדער ;
ווען ס'רויטלט זיך מיין פּנים, הערסטו ווי עס קלאַפּט מיין האַרץ
אַלץ ווילדער, ווילדער ? — —
אַ הימן פלעכט איך אויס פאַר דיר, אַ הימן פון באַהאַלטענע געזאַנגען...

קוטנע, 1922

אויף דער יאַסנע-גורע

רינגלען קלויסטערס צוועלף אַרום די שווערע ווענט פון יאַסנע־גורע,
און פון ווייטן ערגעץ שפּאַנען מידע, ציען פּיליגרימען, —
פונעם נאַרעוו, פון דער ווייסל, פון דער טרויעריקער בזורע,
עולי־רגל־לייט צו מאַטקאַ־באָסקאָ טאָג און נאַכט זיי קומען...
ביי אַ סטראַגאַן האָט אַ זקן זיך צעשפּילט אויף אַ באַנדורע,
און די טענער שטומע, שלעפּעריקע, ציטערן און ברומען; — —
רינגלען קלויסטערס צוועלף אַרום די שווערע ווענט פון יאַסנע־גורע,
און פון ווייטן ערגעץ שפּאַנען מידע, ציען פּיליגרימען...

וואַרשע, 1922

***

פאַרוואָס־זשע קאָן איך זיך נישט בינדן מיט אַלעם, וואָס לעבט נאָר
אַרום מיר?
פאַרוואָס־זשע קאָן איך נישט דערטרינקען מיין קרענקלעכע וואַנדער־נשמה
אין הילכיק געלעכטער פון האַרצן, ווען קוואַליש עס ברויזט אויף?

נאָר טיק איך די אויגן פאַרוויינטע, אַלץ טיפער אין אייגענעם צער־וואַלד —
אוי ווי, מיינע בליקן וואָס טראָגן דער מאַמעשיס ווייבלעכן טרויער,
זיי זענען ווי איינזאַמע פייגל, פאַרבלאָנדזשעט אין מדבר.

וואַרשע, 1922

ביניש זילבערשטיין; זיין זונעלע איזי, אומגעקומען אין אוישוויץ אין 1943; זיין פרוי בינה, געווען דעפּאָרטירט אין די לאַגערן בירקענוי, ראַווענסבריק, מאַלכאָוו, ליפּטען. דאָס בילד איז גענומען אין אַפּריל 1940, אין אַנטווערפּן.

II

*

פֿאַראַן ווו שטעט... איך ווייס. פֿאַראַן ווו לענדער ערגעץ גאָלדענע,
אין גלי פֿון ווייס עלעקטרי־ליכט, אין נעכט אויף גאַס צעזונגענע;
פֿאַראַן ווו שטעט... איך ווייס. פֿאַראַן ווו לענדער ערגעץ גאָלדענע,
וואָס גייען אויס מיט בלייכן טאָג אין שטילן טאַנץ אין ריטמישן.

איך הער דעם רויש פֿון יענע וואַקכאַנאַליע־נעכט די שיכורע,
און איך אין מיטן — אַזאַ מידער, אַזאַ אויסגעפּייניקטער; —
איך הער דעם רויש פֿון יענע וואַקכאַנאַליע־נעכט די שיכורע,
און כ׳הער אויך מיין געוויין, ס׳געוויין מיינס דאָס צעבראָכענע.

וואַרשע, 1923

אַ תּפילה פון אַ הונגעריקן

1

אַז כ׳האָב נישט אָפּגעביסן זיך פאַר הונגער מײַנע פינגער פון די הענט,
אַז נישט צעשמעטערט כ׳האָב מײַן שאַרבן נאָך אויף ווײכע פּיצלעך
אין געשפּריץ;
דערנידעריקט, אין ווײ און צער, אַז כ׳האָב נאָך זיך אַליין צוריק דערקענט —
אַז כ׳האָב נישט אָפּגעביסן זיך פאַר הונגער מײַנע פינגער פון די הענט —
— טאָ זײ געלויבט!

אַז כ׳האָב נישט אויסגעריסן זיך, פאַר בויט, פון קאָפּ די בינטלעך
קראַנקע האָר
און נישט געלאָזן איבער שטאָט זיך אין געלייף — פון אָנגעכאַפּטער היץ;
אַז ס׳זענען מײַנע אויגן, נאָך פיל שוידער־פּיין, געבליבן מילד און קלאָר —
אַז כ׳האָב נישט אויסגעריסן זיך, פאַר בויט, פון קאָפּ די בינטלעך
קראַנקע האָר —
— טאָ זײ געלויבט!

וואַרשע, 1923

2

אַ לויב צו דיר, וואָס האָסט באַגינען היינט אַראָפּגעשיקט אויף
דר׳ערד אַ מילדע זון,
ווייל ס׳זענען מיינע גלידער פון דער נאַכט געווען אַזוי פאַרגליווערט
און פאַרשטאַרט;
און ס׳האָט פון בייסנדיקער קעלט געטרייסלט פיבערדיק אַ צאָן זיך
אָן אַ צאָן.

און כ׳האָב אויף וואַרעמקייט מיט נאַסע קליידער אויפן גוף — פון רעגן —
היינט געוואַרט,
זיך אויפגעכאַפּט ווען טורעם־זייגער האָט געטון זיין ערשטן „דזין״,
ווייל ווי אַ הונט האָב איך געקאָרטשעט זיך אַ גאַנצע נאַכט
אויף ברוק־געלעגער האַרט.

און ס׳האָט דער ווינט געפּאַטשט אין לייב, פון מיר געחוזקט,
מיך געריסן ווי אַ שפּאָן,
געלאַכט מיר אין די אויערן, צעווילדעוועט אַריינגעקייכט אַזוי פאַרשאַרט, —
אַ לויב צו דיר, וואָס האָסט באַגינען היינט אַראָפּגעשיקט אויף דר׳ערד
אַ מילדע זון.

וואַרשע, 1923

אין טאַנץ פון פאַרגעסונג

ווי גוט געוועז, אַ פייקל האָבן, פויקן ביז פאַרטויבונג,
און דרייען זיך אין ווירבל־ווינט, אַרויס־אַריין אין וועלט;
און בלייבן אַ פאַרחלשטער אויף הענט פון גאָלע ערדן.

און קראַנקערהייט, צוכריפענדיק, אויסטאַנצן די נשמה —
נישט זיין אויף קעסט פון רחמים, ווי די בעטלער אינעם ראָג;
נישט זיין אויף קעסט פון רחמים און פון מענטשלעכער דערבאַרמונג.

דער לעצטער מידער אויסגעשריי פון וועמענס טיפעניש,
דער לעצטער גסיסה־אויסגעשריי פון וועמענס אינגעווייד — —
און שטאַרבן אַ באַוואולהטער מיט קללה אויף די ליפן.

וואַרשע, 1923

אין שפּיטאָל

ס׳געוויין פון הינט האָט אויפגעוועקט מיך היינט פון שלאָף,
ס׳געוויין פון הינט פאַרוואָגלטע און נע־ונדע,
הינטער פענצטער פונעם איינזאַמען שפּיטאָל —
צו ברענגען מיר אַ גרוס פון טאָג.

כ׳האָב אויפגעכאַפּט זיך אַ פאַרפייניקטער אין שרעק —
ערשט נעכטן האָבן דאָ געגוססט צוויי חולאים פון דער פרעמד,
פון קיינעם נישט באַקלאָגט,
באַדעקט מיט שוואַרץ־באַקרייצטן טוך,
געפירט אַוועק.

און דורך דער שויב האָב איך געזען:
ס׳איז אויפן הויף פון קראָען אַ צונויפגעלויף געווען,
ווי בעטלער אויף אַן אָרעם־מאָלצייט — אין געדראַנג.
— — — — — — — — — — — —
ס׳געוויין פון הינט האָט אויפגעוועקט מיך היינט פון שלאָף.

וואַרשע, 1923

***

װוהין איז פֿאַרשװוּנדן דער גאַסן־לאָמפּן־צינדער,
אין פֿינצטערער נאַכט, װען דאָס ליכט איז אונדז נויטיק?

װוהין און צו װאָס איז דער פֿאַסטוך פֿאַרשװוּנדן,
װען ס'שטייט אַ טשערעדע, מיט אויגן צעשראָקן? —

װוהין איז פֿאַרשװוּנדן דער שיפֿסקאַפּיטאַן איצט,
װען ס'האָבן די כװאַליעס אין ים זיך צעשטורעמט?...

װאַרשע, 1923

פרייד

איך פייער היינט אויף ווייטן ברוק מיין יום־טוב אין אַ נעץ
פון ליכטיקייט פאַרשפּונען,
ס'האָט אויפגעוועקט מיך זילבער־פרייד, געקלאַפּט אין לאָדן און אין
טירן באַלד פאַרטאָג;
אַ ווילדער ווילן האָט געטריבן מיך פון האַרטן, ברודיקן געלעגער
נאָך באַגינען.

איך האָב געמיינט, כ'בין אָרעם — נישט געוווּסט אַפילו פונעם אוצר,
וואָס כ'פאַרמאָג:
צעפּאַליעטע — ווי גאָלד, אַ ים צעפּלאָשעטע און רחבותדיקע, רייכע זונען —
אין טיפע הויפנס פון די דאַרע אויסגעקרימטע הענט — דאָס וועלט־
עשירות כ'טראָג.

מיין „איך", וואָס כ'האָב אַ גאַנצן יאָר פאַרלוירן ביי מאַשינען —
כ'וועל אים היינט געפינען,
און טויזנטער אַזעלכע כ'וועל באַגעגענען אין יעדערן באַלעבטן ראָג;
מיר, פיל־מיליאָניקע — אַ קוואַל, וואָס הערט נישט אויף צו שטראָמען,
ריזלען און צו רינען.

און אייביק איז דאָס וואָרט, דאָס בראָנזענע, וואָס כ'שליידער היינט
אויף גאַסן ווי אַ חוק —
מיין יום־טוב אויסגעחלומטער, מיין יום־טוב אין דער נעץ
פון ליכטיקייט פאַרשפּונען:
ס'האָט אויפגעוועקט מיך זילבער־פרייד, געקלאַפּט אין לאָדן און
אין טירן באַלד פאַרטאָג.

וואַרשע, 1924

אַ זעאונג

פֿאַרטאָג, ווען כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, אַ זעאונג כ'האָב געהאַט אַזאַ:
אויף פֿעלדער זוניק — קינדער פֿריילעך־שטיפֿעריש, אין בלומען אויסגעצירט,
געשפּילט זיך האָבן און געלאַכט, און מיט געזאַנג אין וואַלד, אַריין שפּאַצירט — —
פֿאַרטאָג, ווען כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, אַ זעאונג כ'האָב געהאַט אַזאַ.

עס האָבן קינדער פּוכיקע אין רויטע קליידעלעך אויף מיר געקוקט,
געזאָגט „גוטמאָרגן", מיך באַרינגלט, צוגעזעצט זיך נאָענט ביי מיינע פֿיס;
— איר קינדערלעך אין פֿאַליעדיקן זייד, פֿון ווייסן טאָג דער ערשטער גרוס —
עס האָבן קינדער פּוכיקע אין רויטע קליידעלעך אויף מיר געקוקט.

— — — — — — — — — — — — — —

ווען כ'בין אַרויס אין גאַס און יונגע קינדערלעך פֿאַרהאָרוועטע געזען,
האָב איך זיך, מיט אַ ציטער, אין מיין חלום אין דעם גילדערנעם דערמאָנט,
אין ראָג, ביי שווערע קוילן־וואָגנס האָב איך איינגעריסטע זיי דערקענט — —
ווען כ'בין אַרויס אין גאַס און יונגע קינדערלעך פֿאַרהאָרוועטע געזען.

וואַרשע, 1924

***

איך האָב געפּרוווט אַמאָל אויך מיטגיין מיט די ווילדע יונגען,
צעלאָזן אין דער ברייט מיין מאַנטל — ווי עס איז די מאָדע —
און זאָגן: „כ'בין נישט איך אַליין, ס'איז עמעצער אַ צווייטער,
מיין שאָטן איז עס, שווער איך, אָדער אפשר מיין באַגלייטער" —
און ווייזן: ס'רעגנט! דווקא ווען אַ טריקעניש איז גראָד דאָ,
נישט אַנדערש ווי עס וואָלט דערצו מיך עמעצער געדונגען.

איז פייניקט מיך דאָס מענטשלעכע, דאָס לויטערע געוויסן,
ס'איז שווער באַקלאָגן וועלטן־שמערץ, ווען ס'איז מיין האַרץ צעווייטיקט
און טאַנצן הפקרדיק — ווען ס'פּלאָגט מיך אַזאַ שניידיק־טיפער טרויער;
דער הימל איז גאָר בלאָ — נישט גרין, און ער פאַרבלייבט אַ בלאָער,
און זיין קאָן נאָר געזונט די פרוכט, וואָס דורות־לאַנג זיך צייטיקט,
ווי קוואַלן אייביקע, וואָס ריזלען זילבערדיק און פליסן.

וואַרשע, 1924

זון...

ס'זענען שווערע שטיקער זון געפאַלן אויף דיין טונקלען וואַלד,
און צעשויבערט האָט דיין וואַלד זיך, ווילד צעפאַליעט און צערוישט, —
כ'האָב מיין האַרץ היינט פאַר דער ווייסער, ווייסער זוניקייט צעפראַלט.

האָבן קרייזן אין געדיכטעניש מיך אינדערפרי באַרוישט, —
מיין נשמה אין התפעלות האָט זיך יום־טובדיק צעשטראַלט,
און צעשויבערט האָט דיין וואַלד זיך, ווילד צעפאַליעט און צערוישט.

וואַרשע, 1924

חלומות זילבערנע און בלייכע, אויסגעוויייטיקטע אין נעכט,
איצט — איינגעהילט אין קאַלטער און אין גראָער, אומעטיקער וואָר;
איך האָב אייך אויף דער פלאַך פון מיינע הענט, ווי פייגל אויסגעזעצט —
איז קאָנט איר זיך צעפליען ווייט אין אַלע זייטן פון דער וועלט,
אַריבער ים און איבער וויסטעניש — פאַרטראָגן פונעם ווינט.
אַז ס'שטאַרבט אַ חלום — אַ געבוירענער אין ציטער און אין פרייד —
איז פונקט ווי עמעץ וואָלט אַ שאַרפן שניט־געטון אין וואַרעם לייב. — —
צי זענט איר דען נישט בלוט פון אייגן בלוט און פלייש פון אייגן פלייש?

וואַרשע, 1924

כ'האָב פאַר קײנעם קײן פרײד נישט...

בלויז פאַר דיר, פאַר דיר! כ'האָב מער פאַר קײנעם הײנט קײן פרײד נישט,
דו ביסט הײנט געקומען און די פרײד מיט זיך גענומען;
פון מײן האַרץ אַרויסגעריסן, װי מען רײסט פון טיפער
נישט צעגראָבענער און רויער ערד אַרויס אַ פלאַנצונג.

איז בײ מיר אַ יום־טוב, אַזאַ אויסגעבענקטע שמחה,
כ'זע װי ס'בלינקען דײנע דורכזיכטיקע, װײסע קלײדער, — —
טויכן אויף אין מיר באַגערן ציטערדיק און לויטער,
װי די טשאַטעס פײגל אינעם בלאָען, פריען פרילינג.

װאַרשע, 1924

***

פון וואַנען דאָס געוויין, וואָס קוואַלט אַרויס אין נעכט פון מיינע גלידער ?
פון וואַנען קומט מיין אומרו, וואָס עס בליצט אַדורך און ציטערט
אויף מיין לייב ? —
דאָס לויטערע געבעט, וואָס קניט ביי פרעמדע שוועלן זיך אַנידער ?

געשרייען פון שפּיטאָל און פרעך געלעכטער אין די קאַרנאַוואַלן —
פון דאַנען קומט מיין אומרו, וואָס עס בליצט אַדורך און ציטערט
אויף מיין לייב,
דער רויש פון טאַנץ און ס'פּליסטערן פון הקדש : „אַ לעבן איז פאַרפאַלן !"

וואַרשע, 1924

איך אַנקער אָפּ מיין שיף

כ'האָב צופיל שוין אַנטפּלעקט און איצטער קומען לעצטע, פליסטערנדע
אַקאָרדן,
און ווידער בלייבן וועט מיין לויטער וואָרט אין טיפעניש פאַרשטומט;
ס'צערעדן מיינע לעפצן זיך, פאַרצוויפלטער צעשרייט מיין ליד זיך נאָר דאַן,
ווען ס'האָט נשמה ווי דער ווינט צעקלאָגט זיך, ווי דער ים צעברומט.

איך אַנקער אָפּ מיין שיף... גענוג! נאָר נישט פאַרזוימט. צו לאַנג
ביים ברעג געשטאַנען.
— אַדיע, נישט יובל און נישט טרויער, עד, דו ביטערער המון!
די וועלט איז ברייט און גרויס און כ'ווייס, אַז ערגעץ זענען לענדער
נאָך פאַראַנען, —
זאָל זיין, אַז ווער באַגריסט; זאָל זיין, אַז ווער פאַרגייט זיך אין געוויין.

און וועל איך בענקען — זאָל עס אויך פאַר אַנדערע, פאַר אַלעם זיין
באַהאַלטן.
— איר זאָגט דאָך, איך בין שלעכט. — נו, רעכנט עס צום חשבון פון
מיין שלעכטס!
אויב וועל איך זיין אין טראָפּיש־הייסער מדבר־זייט, צי גאָר אין צפון־טייל
דעם קאַלטן,
זאָל נישט דערגיין צו אייך מיין פרייד און נישט מיין גוססדיקער קרעכץ.

וואַרשע, 1924

אין שטאָט-רויש...

און ווען מיד איז מיין קאָפּ פונעם רויש אין דער שטאָט און פאַרמאַטערט
מיין גוף,
ווען עס זוכן די בליקן נאָך אַ ביסעלע צאַרטקייט און רו —
און ווען ס'פּרעסט אַזאַ טרויער ביי מיר אין די בלוטן זיך איין אַזוי טיף;

טויכסטו אויף ווי אַ זוניק געשטאַלט אין אַ בייזער, פאַרביטערטער שעה,
ווי אַ שוועסטער אַ מילדע פאַרנעמסטו מיין ווייפול-פאַרצווייפלטן רוף;
און ביי דיר אויפן ברוסט אין חלומות עס שליסן די אויגן זיך צו.

ס'איז נאָך פרעמד דיר און ווייט אָט דאָס לעבן פון גרויסער, צעהוליעטער
שטאָט —
און דו קאָנסט נאָך אַ טרוים טון אַזוי ווי אַ קינד ביי דער מאַמעשיס קלייד;
ווייל דו בייטסט נישט דיין ליבשאַפט אַזוי ווי איך בייט אינעם האַרצן
מיין גאָט.

אויפן גרונט פון מיין ערד האָסטו ווייסינקע קערנער פון בענקשאַפט
פאַרזייט,
און קוים ווערסטו אַנטרונען, באַלד פליסטערן לעפצן אין שטילקייט: —
„אַ שאָד!" — — —
אַז דו קומסט, קומט דאַן מיט אויך מיט דיר אַזאַ לויטערע, ליכטיקע פרייד...

ווארשע, 1924

*
*

נישט אַלעמאָל קומען מינוטן ווען כ'פּיל אין דער טיף מיין דערהויבונג,
נישט אַלעמאָל פּליסטערן לעפּצן ניגונים און תּפילות פון האַרצן;
און שווער איז געפינען דאָס וואָרט, אָט דעם צוגאַנג צום חשבון־הנפש,
און טויזנט מאָל שווערער צום גרונט זיך דערשלאָגן פון אייגן דערקענונג.

פאַרמאָג איך דאָך ערגעץ פאַרבאָרגן אַ הויפן פון פרומע געזאַנגען,
צעוויגן זיך טענער, ווי פינגער צעשפּילטע אויף ווייסע קלאַווישן;
פאַרמאָג איך דאָך ערגעץ פאַרבאָרגענעם וואַלד־רויש און שטורעם
פון ים־נעכט —
און שטאַרק איז דאָס ליד, ווען עס טרייסלט מיין וואַלד זיך, ווען
ס'שויבערט מיין ים אויף.

וואַרשע, 1924

III

ביי וועמען ?

— זאָג, ביי וועמען איז האָפנונג פאַראַן ?
— פרעג דעם ווייסינקן שוואַן אינעם זילבערנעם טייך,
וואָס דערנענט זיך צום ברעג אינעם שטילן באַגין —
פרעג דעם ווייסינקן שוואַן.

— און ביי וועמען אַ ציל איז פאַראַן ?
— פרעג דעם גאָלדענעם הירש אויפן זוניקן וועג,
וואָס פאַרשווינדט אין דער ווייט, — אין וואַלדענער ווייט —
פרעג דעם גאָלדענעם הירש.

— און ביי וועמען איז גלויבן פאַראַן ?
— פרעג דעם ווונדיקן שקלאַף, וואָס האָט קייטן צעפליקט
און אַנטפלעקט פאַר אונדז אַלע די פראַכט פון דער וועלט —
פרעג דעם ווונדיקן שקלאַף.

— און ביי וועמען די פרייד איז פאַראַן ?
— פרעג דעם קינסטלער אויף דר'ערד, דעם מייסטער, וואָס שאַפט
און נשמה־געשטאַלטיקט זיין ווונדערלעך ווערק —
פרעג דעם קינסטלער אויף דר'ערד.

— און ביי וועמען דאָס גליק איז פֿאַראַן?
— פֿרעג דעם פּויער אין פֿעלד, וואָס מיט שווייסיקער מי
ער וואַרפֿט קערנער אין גרונט — אַז ס'זאָל ברויט זיין אין לאַנד,
פֿרעג דעם פּויער אין פֿעלד.

— אַלץ צוזאַמען ביי וועמען איז פֿאַראַן?
— פֿרעג דאָס ליכטיקע קינד, אָט דעם זוניקן דור,
וועמענס טריט, וועמענס ליד איז צעשטראַלט אַזוי העל —
פֿרעג דאָס ליכטיקע קינד.

ווארשע, 1925

דאָס ווייסע ליכט

דאָס ערשטע מאָל כ'האָב היינט דערזען דאָס ווייסע ליכט,
וואָס שטראַלט אַרויס פון דר'ערד.
און אומגעריכט האָב איך מיט פינגער, אָט אַזוי פון זיך,
דעם גלויבן ציטערדיק באַרירט.
איז ווער האָט אָנגערעגט מיין נערוו אין טיפסטער טיף,
אַז כ'זאָל אַ וואַקל־טון זיך ווי אַ שלייכנדיקע שיף
אויף שויס פון אָפענעם, צעשוימטן אָקעאַן? —
און ווער איז יענער, וואָס האָט אָנגעצייכנט דרייסט מיין וועג
ווי מיט אַ שניידנדיקער האַנט?
— דער שטויב ביי דיינע פיס וועט זיין פאַרלענדט
און דו וועסט אויפגיין ווי די רויע פלאַנצונג,
פריי און אומגעשטערט;
און ס'וועלן אונטער שאָטנס פון די שווערע צווייגן דיינע,
קינדער פון אַן אויסגעבענקטן דור,
פאַרזאַמלען זיך צו פייערן די פרייד.
— — — — — — — — —
דאָס ערשטע מאָל כ'האָב היינט דערזען דאָס ווייסע ליכט,
וואָס שטראַלט אַרויס פון דר'ערד.

וואַרשע, 1925

קברים

ס'זענען קברים פֿאַראַנען, וואָס קיינער
האָט איבער זיי נאָך נישט געוויינט,
אָט אַזעלכע, וואָס ליגן פֿאַרגעסן,
באַגראָבן „כקבורת חמור״;
כ'וועל אַוועק אויף צו יענע ביי פּלויטן,
צו בערגלעך, וואָס שטייגן אַפּער
פֿון פֿאַרוואַקסענע פֿאַרקנס און אַלטע,
צעבראָכענע מאָכיקע ווענט —
מיט זיך, איינער אַליין, זיך צעקלאָגן
און אָפּרוען די זינדיקע הענט — —
ס'זענען קברים פֿאַראַנען, וואָס קיינער
האָט איבער זיי נאָך נישט געוויינט...

וואַרשע, 1925

דאָס געשריי פון דער ערד

נאָר דורך מיר, מיט מיין קול, מוז היינט אויפגיין דאָס לעצטע געשריי
פון דער ערד —
אַזאַ גסיסה־געברום, וואָס געוועזן איז פאַר דיר און פאַר אַלעמען פרעמד;
ווייל ס'האָט יעדער געבלוטיקט, מיט גורל געחתמעט אין אייגענע הענט.
— קום אַהער, דו פאַרמשפטער, לייג זיך אַוועק דאָ ביי מיר אויף דער שוועל,
נאַדיר צו נאָך אַ חבר — אַ הונט מיט אַ נאַסער, צעקראַכענער פעל... —
נאָר דורך מיר, מיט מיין קול, מוז היינט אויפגיין דאָס לעצטע געשריי
פון דער ערד.

אין דער טיף פון מיין גוף לויפט אַרום ווי אַ ווינט אַט דער אומרו אַליין —
ס'איז יאָר־איין און יאָר־אויס אַ סך לעבנס אין פינצטערן הקדש אַוועק;
נו, דערפאַר קוואַלט אַרויס פון די ביינער ביי מיר אַזאַ אַנגסטיקע שרעק,
פון אָ־די, וואָס זיי קאָנען נישט שטאַרבן — דער שטומער,
דערשטיקטער געהייל,
פון אָ־די, הינטער פאַרהאַנג פון וועלט... — עד, זאָל שטיל זיין,
זאָל שטיל זיין אַ ווייל! — —
אין דער טיף פון מיין גוף לויפט אַרום ווי אַ ווינט אַט דער אומרו אַליין.

וואַרשע, 1925

מיר יונגע זענען געטער

מיר יונגע זענען געטער. טראָגן אייביק, פון געבוירן ס׳ליכט אין
אונדזער בלוט,
די פרייד אין לעבעדיקן גוף — אין טריף פון וואַרעם פלייש,
אין שטאַרקייט פון געביין:
ס׳איז געטלעך אונדזערליידן, אונדזער אויפגעבערויזטער ווילן,
לאַכן און געוויין.

מיר יונגע זענען געטער. הייליק איז דאָס פייער, וואָס אין אונדזער
טיפקייט רוט —
דער סוד פון שטומער פינצטערניש, די העלע פראַכט פון שטראַלן,
וואָס די זון צעשיט;
אַ וווּנדער איז די ווייכקייט פונעם גראָז, די קראַפט פון פעלדז
און האַרטקייט פונעם שטיין.

איז ווער קאָן צווינגען אונדז אין קרייץ פון צייטן אָט דעם
וועלטן־רעטעניש פאַרשטיין? —
נישט קיין הימל־מאַכט! מיר וועלן היינט אַליין די שופטים און די
שטראָפער זיין, — —
מיר יונגע זענען געטער. הייליק אונדזער גלויבן, אונדזער פליכט
און אונדזער ליד.

וואַרשע, 1925

הינטערן פענצטער פון מיין הויז

פאַרוואָס האָט עמעצער ביינאַכט הינטערן פענצטער פון מיין הויז
אַזוי יאָמערלעך געוויינט ?
האָבן ווינטן בלויז געשפּילט זיך און להכעיסדיק געשפּאַסט,
געריסן זיך די ווילדע און צעלאָזטע שוואַרצע צעפּ ?
אָדער הינט גאָר האָבן אַזוי אימהדיק געקלאָגט ?
אפשר איז עס ס'ליד געווען פון אַ מחנה הונגעריקע וועלף ? — —
טאָ וואָס האָט אויפגעשוידערט מיך אַזוי די שרעק,
אַריינגעשניטן טיף זיך אין מיין גוף
און אויסגעקילט אין אָדערן דאָס בלוט ? — —
ס'האָבן קינדער אָן אַ היים, אויף האַרט געלעגער פונעם ברוק,
געקאָרטשעט זיך צונויף,
מיט מיילעכלעך צו דר'ערד
דאָ אויסגעשריגן זייער וויי...
דערפאַר וועל איך אין העלישקייט פון טאָג,
ווען פרייד וועט זיך צעפּראַלן איבער גאַסן פון דער שטאָט —
דער זון אַקעגנטראָגן ס'קינדס געשריי...
פאַרוואָס האָט עמעצער ביינאַכט, הינטערן פענצטער פון מיין הויז,
אַזוי יאָמערלעך געוויינט ?...

וואַרשע, 1925

אין כישוף-וואַלד

ס'איז אַ כּישוף־וואַלד ערגעץ־ווו פאַראַן,
בלאָנדזשע איך אין ווייטן וואַלד אַריין:
טרעפן שטעגן זיך, שיידן שטעגן זיך,
און איך פּלאָנטער זיך אין די צווייגן איין.

איז וואָס זוך איך דאָ? ווער פאַרפירט עס מיך?...
עמעץ רופט פאָרויס — אַזאַ זיס, דין קול — — —
ס'האָבן אַנדערע נאָך מיט דורות פריער
אויך געוואַנדערט דאָ פרעמדע, פרעמד אַמאָל.

וואָס טיפער אַלץ איך גיי — מער געדיכטעניש,
אַלץ מער פינצטערניש — אַזאַ שטומער סוד.
כאַטש די שרעק שטייגט אויף, איך דערקען זיך נאָך,
און איך האַלט זיך נאָך, און איך פיל מיין טראָט.

ווער שרייט הינטער מיר: „די געפאַר איז גרויס!"
כ'האָב אַ ציל פאַר זיך, כ'גיי מיט פרייד אין שפּאַן, — —
זע, די קרוינען־קעפּ אַלץ ווערן שיטערער
און אויף יענער זייט — דאָרט איז אַ זון פאַראַן...

וואַרשע, 1925

דורות

1

ביי זיידע־באָבע אין דער בלאָער קאַלך־שטוב איז אַ פּעסעלע געווען,
יאָרן־לאַנג אַזוי געשטאַנען צווישן טיר און קוימען־אויוון;
זענען בעדנקעס אַזש גרין געוואָרן און מיט פּעטן מאָך באַוואַקסן —
ווי די דיקע קאָרע, אָנגעשוואָלן, אויף די דעמבעס אין די וועלדער,
ווי די פּייכטע שוואָמען אויף דער הויט פון שוואַרצער וואַלד־ערד.
פון דעם פּעסעלע פּלעגט טרינקען וואַסער יעדן טאָג מיין עלטער־זיידע.
אין די זומערן די הייסע, נאָך די פרישע „וואַרעמס״,
אָדער ביי מנחה־צייט — „דער גומען? איי, ווי טרוקן״...
איז דער אַלטיטשקער פון פּיעקעליק אַראָפּגעקראָכן און פּאַמעלעך,
שטיל, מיט דראָבנע טריטעלעך האָט ווי אַ קעצל צוגעשאַרט זיך
צו דעם פּעסעלע, מיט וועגטלעך גרינעם שימל, אינעם גנאַי פון אַסטלען.
זיך אַריינגעבויגן אינעווייניק, אָנצושעפּן ס׳בלעכן זשאַווער־קווערטל,
איז דאָס פּנים פון דעם אַלטן אויף דער אויבערפלאַך אַרומגעשוווּמען,
ווי אַ שיפל אויף אַ טייך, אין דרעמל פונעם רואיקן באַגינען — — —
זיינע הויזן נישט פאַרשלעקט, נישט פאַרפּאַסיקט, נישט פאַרשפּיליעט,
זענען בלויז פון זיך אַליין אין קנויל אַרומגעדרייט געווען,
אָט אַזוי ווי ס׳גייען פויערים אין שניט־צייט אויף די פעלדער — — —
און די פיס, די האָריקע, אַריינגעשטעלט אין האַלצערנע סאַנדאַלן,
האָבן אָפּ־און־אויף געשפּאַנט מנוחהדיק, באַזוניקט...

2

מײַן עלטער־זיידעס פּײַקע ציבעק
איז פון פּײַנעם טאַנען־האָלץ געשניצט געװען;
פלעגט ער רויכערן און אַזוי מיט איר די ערד דערגרייכן — —
האָט דער עלטער־זיידע קיינמאָל נישט געשיידט זיך מיט דער ליולקע,
און געקװיקט זיך מיט די קנוילן רויך, שלשלתדיקע, בלאָע — — —
אַז דער אַלטיטשקער איז פאַרן פענצטער אויף אַ שטיין אַזאַ
באַזוניקטער געזעסן,
איז אַן אײניקל אַ בלייכס צו אים נאָענט צוגעשטאַנען:
— זיידע, זיידעשי, דײַן ליולקע, די סאַנדאַלן,
זענען טייערער ביי דיר, ווי איך און מײַנע הענטלעך,
וואָס זיי פלעכטן זיך אַרום דײַן האַלדז אַרום,
ווי אַ קראַנץ פון גראָזן און פון בלומען;
און ווי מײַנע פינגערלעך, וואָס צופּן אויס דײַן בערדעלע
פון שניי און זילבער,
און ווי מײַנע פיס, וואָס רייטן אויף דײַנע ציטערדיקע קניען — — —
— ניין, מײַן הינדעלע, מײַן עופהלע, אָ, ניין,
ביסט טייערער נאָך ווי מײַן טאַבאַק און מײַן ליולקע,
און ליבער נאָך ווי מײַנע האָלצערנע סאַנדאַלן...

3

וואַרעם איז די אסטלען דאָ צו גנאָיען, וואַרעם, גוט און היימלעך,
לעבן זיי משפחהווייז — צונויפגעקנוידערט איינער אינעם צווייטן;
פּאַשען ווייסע בייכעלעך זיך אויס און ווערן פעט פון פוילקייט —
דעקן איין זיך זייערע לייבער מיט דער ווייכקייט פונעם שימל,
שמועסן גרילן אויס זיך און דערציילן מעשיות פונעם אויוון:
פון אַ קאָטער אויף אַ לאָפּעטע אין ווינטער־נאַכט — אין קוימען,
פון אַ כישופמאַכערין מיט צעפּ, מיט לאַנגע קודלעוואַטע,
אויף אַ פּייערדיקן בעזעם, אין דעם מויל פון פּינצטערניש פאַרשווונדן...
און דער קאַגאַניק — ער רויכערט, קאָפּטשעט, גוססט,
און וואַרפט מיט שאָטן־פלעקן אויף די ווענט — ווי טאַנצנדיקע בערן;
היימלעך איז אין דעמפּיקייט פון זויערטייג און הייוון —
און די אַסטלען פּאַשען ווייסע בייכעלעך זיך אויס פון פוילקייט...

וואַרשע, 1925

***

ברודער, ברודער,
פאַרוואָס־זשע האָסטו אָפּגעקערט דיין פּנים?
מיר דאַרפן נישט די לייטערונג פון יענע בעלי־תשובות,
וואָס ווערן נאָך דער פייניקונג — צדיקים;
מיר שלעפּן דיך מיט פרייד אין ראָד אַריין,
ביי אונדז ווערן אַפילו זינדיקע געהייליקט...
וויש אויס דעם טרויער פון די ווינקלען אונטער דיינע ברעמען
פאַרוואָס־זשע זענען דיינע האָר אַזוי צעשויבערט
און ס'פּנים — אַזוי אויסגעקרימט, צעשראָקן? — —
ברודער,
מיר שלעפּן דיך מיט פרייד אין אונדזער ראָד אַריין,
טאָ זיי נישט קיין פאַרשעמטער אויף דעם יום־טוב;
ווייל מיר, די קינדערלעך, מיר זעען
דאָס ליכט, וואָס שטראַלט אַרויס פון דיינע אויגן...

וואַרשע, 1926

מאַראַנען

ווייל אונדזער לעבן איז אַ לעבן פון גערודפטע מאַראַנען,
איז טראָגן מיר אין טיפעניש פאַרבאָרגן אונדזער גלויבן;
ס'איז שווער פאַר פרעמדע אויף אַ פרעמדן לשון דאַווענען און לויבן,
מיר שאָטענען דערפאַר ווי אין די טאַנען־וועלדער — טונקלע טאַנען.

פון וואַנען אָט די שוואַרצע טרויער־פּייערלעך אין דיינע אויגן? —
דאָס איז דער טרויער פון אַ יונגער סאַרנע, ווען זי ווערט געפאַנגען, — —
נישט אייער ליכט! אין אונדזער לאַנד אַן אַנדער ליכט איז אויפגעגאַנגען, —
מיר קניען נישט, מיר פאַלן נישט קיין כורעים, נאָר די לעפצן שווייגן...

וואַרשע, 1926

און כ'האָב אַזוי גערעדט צו מיר אַליין...

כ'בין היינט פֿאַרטאָג אַן אויפֿגעשטראַלטער פֿון דעם בעט אַראָפּ.
צוזאַמען מיט דער זון
איז אויפֿגעגאַנגען טיף אין מיר אַ וווּנדערלעך געזאַנג;
ווייל זיבן יאָר האָב איך אַזאַ געזאַנג שוין נישט געהערט —
און איך בין ווידער אָנגעקליידט געוואָרן אין אַמאָליקן באַגין.
האָב איך געוואָלט אַוועק צו אייך דערציילן ווער איך בין...
נאָר ס'האָבן ברוגזדיק פֿון מיר די קינדערישע פּנימלעך זיך אָפּגעקערט.
האָב איך אַ שולדיקער אַוועקגעלייגט זיך אויף דער האַרטער שוועל
און האָב אַזוי געזאָגט צו מיר אַליין:
— צווישן מיינע פֿינגער טריפֿט דאָך אייער גאָלד,
און פֿון אייער גאָלד — טריפֿט אַראָפּ מיין בלוט — —
מיין וואָרט איז אייער ברויט, און אייער קראַפֿט — מיין ליד.
אויף שׂמחות בין איך דאָ — פֿאַרשעמט און אונטן־אָן,
געפֿאַלט ביי אייך אַ טרויער — פּרעסט ער אויף מיין לייב,
און כ'האָב אַזוי גערעדט צו מיר אַליין:
— ווען איר זאָלט וויסן יעדן מיין געדאַנק,
וואָלט איר גאָר, ווי אַ זינדיקן, מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד,
און אָפּגעשטויבט דעם שטויב פֿון מיינע קליידער.

וואַרשע, 1926

מ'יט די הענט צו דער שטאָט

1

טיף באַרג־אַראָפּ, צופוסנס ביי דער שטאָט,
ליגט אײַנגעפּרעסט אַ גאַס אין שוואַרצע מויערן;
— דו מענטש, אין האַסטיקן געלויף,
האַלט איין דעם טריט, נישט ריר זיך צו צו יענע מויערן.
אַוועק, אַוועק! דאָ איז דער טאָל פון אומגליק.
בלויז אויבן איז דיין אָרט,
דאָרט, ווו ס'איז אָנגעצונדן און באַלויכטן
און ווו מען פּראַוועט אַ שגעונדיקן יום־טוב.
דאָרט, אונטער זייערע פיס,
צעטרעטן ווערט דאָס הייליקע געשריי
פון די פאַרמשפטע,
וואָס טראָגט פון טאָל אַרויף זיך צו דער וועלט...

2

די הייף, זיי זענען אויסגעפלאַסטערט און מנוחהדיק,
און גרין אין זומער־צייט, און ווינטער־צייט — פאַרשנייט...
איז תמיד רואיק דאָ, אַ האַלבע רואיקייט —
ווו מענטשן זענען מתים לעבעדיקע,
אָן ליכט אין אַפּלען פון די אויגן,
אָן זון — אין בלייכע קנייטשן פון די פּנימער...
— נאָר ווו, אָ, זענען זיי, די שוועסטערן,
מיט הענט פול באַרעמהאַרציקייט? — —
ווייל רואיק איז דאָך דאָ, און הייליק איז דאָך דאָ;
— פאַרוואָס־זשע קומען נישט די שוועסטערן מיט באַרעמהאַרציקייט?
טאָ שטייען די געביידעס און די מויערן פאַרשעמט,
נישטאָ דער שמייכל דאָ פון יענער ווייסקייט,
וואָס שפּאַנט — ווי אַ מילדע טויב — אַרום אַ גאַנצן טאָג,
און טיילט די לעבעדיקע מתים
פולע הויפנס רחמים...

3

און לעבן ווילן דאָ די מענטשן, נאָר זיי קאָנען מער נישט לעבן,
און שטאַרבן ווילן דאָ די מענטשן — נאָר זיי קאָנען אויך נישט שטאַרבן;
באַגינען גייען אַלע זען אַ זון־אויפגאַנג...
און אַלע קניען אויפן באַרג, מיט אַ געבעט צו שטאָט — —
אַז פרילינג־פרי עס גייט אַ מיידעלע פאַרביי אין ווייסן טיול
און ס׳ווינטל שפּילט זיך מיט די פאַלדן פון איר קליידל —
טאָ ציטערט אויף ביי אַלעמען אין האַרצן אַזאַ קינדערישע פרייד...
און יעדנס הענט, זיי הויבן אויף זיך צו דער וועלט — —
נאָר בלויז דער באַרג איז אָפּגעצוימט...
פון ערגעץ טיף גייט־אויף אַ שטיל־דערשטיקט געוויין,
און אַלע קורטשען זיך אין אימה צו דער ערד...

וואַרשע, 1926

פראָסט און זון

אַ טאָג פון פראָסט און זון.
און ברוינע ברויטן אין די אויסשטעל־פענצטער.
פון פּאָמעראַנצן, מילך און פלייש — אַ שפע,
און אַלע רעסטאָראַנען זענען אָפן...
נאָר אין דעם פּאַרביקן געמיש פון זאַטקייט,
עס שפּרייזט מיט פעסטע טריט דער הונגער אויף די גאַסן —
אַ ריזיקער סקעלעט פון ביין און הויט,
מיט טויזנט מאָנענדיקע אויגן;
אויף מויערן און ווענט האָט זיך דער ריזיקער סקעלעט
פון גרויל און שאַנד און אימה אויסגעצויגן. —
אַ טאָג פון פראָסט און זון.

היינט פוסטעווען די קוואַרטאַלן.
דאָס מיסט און בלאָטע שפּיגלען זיך אין קאַלטן ליכט
און שפּיגלט אָפּ דעם שווייגנדיקן הונגער,
וואָס טראָגט אַרויס זיך ווי אַ מויז אַזאַ געפּגרטע
פון בלאָ־געקאַלכטע שטובן...
אַ קינד האָט זיך צעוויינט,
אַ הונט האָט זיך צעהיילט הינטער אַ פאַרלאָזן פענצטער.
— די מאַמע?
— דער בעל־הבית?
— אַוועק אין שטאָט.
ס'איז דאָרטן היינט אַ יום־טוב...
אַ טאָג פון פראָסט און זון.

טריט און טריט, אין שיך און באָרוועסע...
אַ מחנה אויסגעפייניקטע, באַליידיקטע, פאַרשעמטע;
און יונגען בראָנזענע,
און מענער — בלייך מיט שאַרלעך־רויטע קין־באַקן,
וואָס האַלטן איינגעזאַפּט אין זיך דעם שטויב און טויט פון די פאַבריקן —
זיי אַלע זענען דאָ. און זייערע ווייבער זענען דאָ.
די בלאָע קענדלעך אין די הענט — זיי זענען ליידיק;
און אויך די ברוסטן ביי די מאַמעס — אויסגעטריקנט, ליידיק.
נאָר כ'זע די מאָנענדיקע אויגן,
וואָס ברענען שטיל אַריין אין זיך —
און כ'ווייס, פון טיף וועט אויפגיין אַזאַ פייער...
אַ טאָג פון פראָסט און זון.

וואַרשע, 1926

צום טורקעסטאַנער

אָ, טורקעסטאַנער! יורש־יונג פון אַזיענס דורכגעברענטע מדברדיקע זאַמדן—
דו האָסט מיט קראַפט פון דיינע מוסקולן און מיטן רייץ פון דיין גבורה,
מיר צוגענומען ס׳הייליקסטע און נאָענטסטע פון מיין לייב,
און זי — אַ שלאַנקע און ציגיינערישע טענצערין,
וואָס אָטעמט מיטן אָטעם פון די הייסע דרום־טעכטער
האָט נישט געוועהרט זיך.
נאָר צוגעטוליעט צו דיין ברוינער, האַרטער הויט, אַוועק מיט נעגל־טריט —
כדי צו זעטיקן איר טראַכט אויף גרינעם היי־געלעגער...
בלויז איין גראַציעזער בויג און אויסגעפּליסטערט שטיל:
— „פאַרגיב!"
זיך אָפּגעקערט צום טורקעסטאַנער — האָבן אירע שנייען־ציינדלעך
שמייכלענדיק געבליצט;
און ווי מיין אומרו, האָבן אירע אויערינגען זיך געוויגט, געוויגט,
געוויגט — — —
איז פּלוצים אויפגעשטיגן אין מיין בלוט דער גאָט פון אַוואַנטורעס,
פון בונט און פון צעשטערונג. — — — — — —

אַ צאַפּלדיקער קרויזן־קאָפּ פון דער, וואָס כ׳האָב צום שטאַרקסטן
ווען געליבט,
וועט ליגן שטאַר און אויסגעקילט אויף מיינע קניען...

וואַרשע, 1926

צום יוגנטלעכן אַרבעטער

1

איבער פעלדער, איבער וועלדער שרייען פייגל זייער פרייד אויס,
העכער, העכער הויבן יונגע אָדלער אויף זיך ערב שטורעם —
יונגע קערפּער — זונען־קערפּער, ווי די קלינגען שאַרף און בויגיק,
שלאַנק און בויגיק, ווי ביים שמידער אויף קאָוואַדלע ווען ער שמידט אויס.

זון און גאָלד און פלאַם און אייזן... קינדער — זון און פלאַם און אייזן, —
זינגען אַ געזאַנג די גלידער — אַ געזאַנג פון גאַנצע דורות;
דרעמלט ערד אין טיפע שאַכטן — האַק פון האַמער! גראַב פון לאַמען!
קומען אָן די יונגע מחנות פאַר דער וועלט זיך היינט באַווייזן...

2

דאָס טאָג־ליכט לויטערע קוקט העל אַרויס פון אונדזערע אויגן,
מיר גייען נענטער צו דער וועלט און וועלט וועט אונדז דערקענען —
מיר ברענגען היינט צו קבורה אונדזער נעכטיק שווייגן.

און יום־טובדיקע, קרעפטיקע, מען טרעפט אונדז אויף סטאַדיאָנען,
צעלאָזענע בעת טאַנץ און שפּיל, ווי פלינקע פיילנבויגן — —
— עך, וועלט, אין אונדז און ווייט פון אונדז, מיר קומען ביי דיר מאָנען.

3

פון וואַרשע און פון בריסל און פון ניו־יאָרק,
די זעלבע וועלט־צעשטערער און די זעלבע בויער,
ווי ס'זענען ענלעכע דער באַרגמאַן און דער פויער —
פון וואַרשע און פון בריסל און פון ניו־יאָרק.

טאָ שפּאַנען יונגע מחנות אויף די וועגן,
מיט פרייד אין האַרץ און טלומיקלעך אויף פּלייצעס:
וואָס נענטער אַלץ צום ציל — ווי שטאַרק דער רייץ איז...
טאָ שפּאַנען יונגע מחנות אויף די וועגן...

וואַרשע, 1926

פון אלע דיינע שוועסטערן

פון אַלע דיינע שוועסטערן, וואָס האָבן שטאָלץ און ערלעך זיך געצייטיקט,
און זענען שלאַנק ווי סאָסנעס אין די רויע וועלדער אויפגעגאַנגען,
ביסטו די לויטערסטע — ווייל מער ווי זיי האָסטו געליטן און געוויטיקט.

אויף דיינע יונגע פּלייצעס האָט מען פרי די שווערע לאַסטן אָנגעהאָנגען,
און נישט געדרוט האָסטו ווען ס'האָט דיין גוף אין אָפּרו זיך געוויטיקט,
נאָר קראַנקערהייט דאָס בעט פאַרלאָזן און צו פרעמדע האָרעווען געגאַנגען.

אַזעלכע ליכטיקע, ווי דו, דערהייבן די יסורים ביז קדושה,
און דער גיהנום — אונדזער לעבן, ווערט קלאָרער, דורכזיכטיקער, ריינער,
און הייליק ווערט דאָס פאַלן אין די אויסגעשטרעקטע הענט פון זינד און בושה.

ווי ווערעם וועלן דיינע פייניקער צעטרעטן ווערן, — און נישט איינער
וועט מער פון זיי ווען אויפשטיין צו נצחונות און צו פייערונגען פרישע —
און ס'וועט דיין שטומע עוולה נאָך אַרויסשרייען ביי זיי פון זייערע ביינער!

וואַרשע, 1926

דערלייזונג

דריי וועגן פאַראַנען פאַר מיר אַלס דערלייזונג:
נישט רירן פון אָרט זיך.
זאָל אויפגיין דער שימל ביז איבער די לענדן,
אַז כ'זאָל מיינע פיס פונעם שטויב נישט אַרויסזען
אַזוי ווי די שטיינער, וואָס זינקען אין זומפּ איין,
באַוואַקסן מיט גראָזן...

דריי וועגן פאַראַנען פאַר מיר אַלס דערלייזונג:
איך זאָל נע־ונד זיין.
פאַרקנעפּלען דעם בגד, די שטיוול זיך אויסטון,
אַראָפּרוקן מער נאָך דעם הוט אויף די אויגן;
און נעמען אַ שטעקן, אַ זאַק אויף די פּלייצעס
צום אָפריכטן גלות.

דריי וועגן פאַראַנען ביי מיר אַלס דערלייזונג:
אַריין אין די שענקן.
זיך אָנפרעסן, אָנזויפן, אויסגיין אין שיכרות,
להכעיס דעם הונגער, וואָס פייניקט מיך יאָרן;
און שפּעטער, כ'וועל זאַט זיין, אין פינצטערע געסלעך
אויף וועלט אַזאַ פייף־טון...

וואַרשע, 1926

דעם בעסטן

— „דאָס לויטערע ליכט פון דיין לייב און נשמה,
גיב אָפּ צו דעם בעסטן פון ערדישע קינדער;
גיב אָפּ צו דעם שטילסטן, וואָס לעבט אין זיין וועלט דאָ —
אַ שאָף צווישן שאָף און אַ רינד צווישן רינדער".

אַזוי זאָגט מיין האַרץ און אַזוי זאָגן לעפּצן,
די ווערטער — ווי שטערן אין נעכט ווען זיי פאַלן;
— זאָל שלאָגן מיט פרייד אינעם הויז פון דעם בעסטן,
אַזוי ווי דאָס וואַסער אין זעטיקע קוואַלן.

וואַרשע, 1926

איך גיי נישט שלאָפֿן...

איך גיי נישט שלאָפֿן היינט,
איך מאַך מיר אַזאַ וואַך־נאַכט.
פֿאַראַן אַזויפֿיל בלאָקייט און אַזויפֿיל לויטערקייט אין דרויסן,
אַזויפֿיל פֿרייד —
און איך אַליין בין אויך אַ שפֿע בלאָקייט,
וואָס שפּאַנט אַרום אין שטומע הינטערגאַסן,
צווישן קרומע, איינגעבוקטע הייזער.
שריי איך אַריין אין אַלע לאָדנס די פֿאַרהעמערטע און צוגעהאַקטע טירן:
— ווער קריכט אַרויס פֿון די צעפֿוילטע לעכער,
אַ באָרוועסער מיט מיר אַוועק אין די אַלייען,
צי אויף דער זקנותדיקער אַלטשטאָט,
וווּ ס'זענען ווייס ביינאַכט די מויערן און שטיינער? — — —

איך גיי נישט שלאָפֿן היינט,
פֿאַראַן אַזויפֿיל בלאָקייט און אַזויפֿיל לויטערקייט אין דרויסן.

וואַרשע, 1926

תלינים

תלינים!
עס גייען אַריין אין דעם מאָרגן אַ מחנה עקשנים — —
— אַוועק מיט די העק, מיט די שטריק, מיט די תליות...
עס גייען פאַרפייניקטע יונגע קדושים פון קברים,
נאָך וואַרעמע שפּרייזן זיי,
אויף העלדזער די פּעטליעס — —
זיי הייבן פון גריבער זיך אויף,
ווי עס הייבן זיך ווינטן אויף ערב אַ שטורעם...
זיי גייען פון תפיסות, געשמידטע אין קייטן,
מיט ליפּן אין שווייגן פאַרפּרעסטע — די לויטערע, שטילע נפטרים.
עס גייען אַ מחנה עקשנים! עקשנים! עקשנים!
— אַוועק מיט די העק, מיט די שטריק, מיט די תליות,
תלינים!

וואַרשע, 1928

קום אַהיים, אַלבערט

— אַלבערט, קום אַהיים, אַלבערט,
וואָס זוכסטו אויף אומבאַקאַנטע וועגן?
— וועסטו פאַרשטיין, מאַמע, וואָס איך זוך?
אַ שיף, אַ שיף, אַ שיף
דאַרף האָבן אַ קאַפּיטאַן אַ יונגן.

— פאַרוואָס גייסטו נישט אַהיים, אַלבערט?
דער טיש איז געדעקט און דאָס בעטציג פון זיידנס.
ענטפערן שווערע תּפיסה־ווענט:
— געשמידט, געשמידט, געשמידט,
הינטער די קראַטן איז אַלבערט.

— אַלבערט, אינדרויסן איז נאַכט, אַלבערט,
ביי דער נאַכט הערשן תּלינים;
ענטפערן נאַקעטע פעלדער:
— נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ.
די ערד האָט אַלבערטן פאַרדעקט.

— אַלבערט, אַלבערט, — פרעגט די מאַמע —
וועסט קיינמאָל נישט קומען, מיין זון?
ענטפערן טויזנטער קינדער:
— אין אונדז, אין אונדז, אין אונדז
לעבט אייביק אַלבערט.

וואַרשע, 1929

ביניש זילבערשטיין בעת דעם אַלטוועלטלעכן יידישן
קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, 1937.
פון רעכטס אויף לינקס: ביניש זילבערשטיין, ה. לייוויק,
ד״ר א. מוקדוני, דניאל טשאַרני.

IV

אומרו

צי איז נישט קינדעריש אָט דאָס,
וואָס איך אין אַלע מײַנע יאָר,
אַן אויסגעפּײַניקטער פון ווײ, פון ווינט און פון געשריי;
מיט אויגן אויסגעלאָשענע — ווי שויבן גראָ און מאַט,
מיט פּנים אויסגעבלייכט און געלער פאַרב פון הויט,
נעם איצט — נאָך זיבן טויטע פרילינגען —
און ווידער, ווידער שרייב איך אָן אַ ליד.

דערפאַר אַזויפיל אומרו אין מײַן וואָרט,
ווי ס'איז דער אומרו פונעם ים — פאַרנאַכט,
ווען מחנות ווייסע מעוועס נידערן אַראָפּ
צום וואַסער־שפּיגל מיט אַ פלאַטערדיקער פרייד;
נאָר אַזאַ שטילע — ווי דער זון־פאַרגאַנג.
צי איז נישט דאָס מײַן לעצטע פלאַטערדיקע פרייד
נאָך זיבן טויטע פרילינגען? —
דערפאַר אַזויפיל אומרו אין מײַן וואָרט.

אַנטווערפּן, 1935

אפשר ?

די בליקן אונדזערע האָבן זיך צונויפגעטראָפן
און אונדזערע שמייכלען האָבן זיך דערקענט ;
אַ וואָרט אַ ווייטס, אַ וואָרט אַ נאָענטס און נאָך אַ נענטערס —
און ס׳קלאַמערן זיך חברישע הענט.

ס׳איז יעדער האַרץ־קלאַפּ מיינער אַזאַ שטילער ציטער,
געמיש פון שרעק מיט אויסגעבענקטער פרייד —
— ווער ביסטו, זאָג מיר, מענטש, וואָס שלייכסט זיך אינעם שאָטן,
צי זענען אמת אַלע דיינע רייד ?

דו זעסט : דורך בלאַנקענדיקן מעסער פון פאַשיזם
עס איז די ערד פון וואָרעם בלוט שוין זאַט —
און דאָך, צי ברענט נישט אפשר אונטער דיינע פיס איצט
דאָס בייזע צאָרנדיקע וואָרט : פאַראַט !

אַנטווערפּן, 1935

אַ זיגער־טאָג

אַ זיגער־טאָג פון פויסט און פון באַגנעט,
אַן אויפמאַרש פון פאַשיזם און פון שנאה, —
צי איז דען נישט מיין יעדעס וואָרט אַ חטא,
ווען ס׳ווערט אַ הייליקייט ביי מיר נגינה?

איך ווייס, אַז אָנשטאָט נעמען אָט די פען
איז גלייכער ביקס, אַ האַמער אָדער קאָסע;
דאָך אין פאַרצווייפלונג כ׳לאָז אַראָפּ די הענט
ווען כ׳הער, אַז ס׳פּלאַצן שויבן אינעם דרויסן.

און ווידער קומען תפיסה־קראַטן צו —
נאָך שטריק און תּליות, לעצטע אַנגסט־געשרייען;
דאָך איך פאַרשליס זיך אין מיין שטילער רו
אין וועלט מיינער פון אויפגיין און פאַרגייען.

אַנטווערפּן, 1935

**

גאָט,
דורך מיין וואָרט
זאָל אויפגיין צו דיר דאָס ליד
פון אַלע מידע.

זיי,
וועמענס צער
די ערד זאַפּט נישט איין אין זיך,
ווי שטיין — דעם רעגן.

גראָ
זענען זייערע קעפּ,
ווי בלומען אָן טוי, פאַרוועלקט,
זייערע גופים.

גאָט,
דורך מיין וואָרט
זאָל אויפגיין צו דיר דאָס ליד
פון אַלע מידע.

אַנטווערפּן, 1935

איז דאָס א זינד?

אַז כ'קאָן נישט זיין מיט אַלע יענע לויטערע אין תפיסות,
צי גאָר מיט די, וואָס מיט אַ ווײַ־געשריי
זיי שטייגן אויפן טרעפּל פון דער תליה? —
צי איז דאָס דען אַ זינד?

אַז כ'קאָן נישט זיין צוגלייך מיט טויזנטער עקשנים,
וואָס לייגן זיך אַליין אַוועק אויף דעם מזבח;
און ווייבער הונגערן און קינדער שטרעקן הענטעלעך צום בעטלען —
צי איז דאָס דען אַ זינד?

ווען ס'וועט די שעה מיך פאָדערן מיט האַרבע רייד,
וועט מער מיין היים קיין היים נישט זיין פאַר מיר;
נישט ווייב, נישט קינד, — נאָר ווי אַ פּשוטער סאָלדאַט! —
צי איז דאָס דען אַ זינד?

אַנטווערפּן, 1935

צי האָט ער אין די לידער מיך געמיינט?

און דו וועסט ערגעץ לייענען אָט די ווערטער,
אַוודאי וועסט זיך פרעגן תתמימותדיק באַחנט:
— „ווען איך דערמאָן זיין נאָמען — צי דען הערט ער?
צי האָט ער אין די לידער מיך געמיינט?"

„מסתם אין ווייטן האָט ער מיך פאַרגעסן,
ווי אַלץ פאַרגעסט זיך דאָרטן אין דעם פרעמדן לאַנד" — —
אַ צאַרטער בליק, אַ קוש, אַ לעצטער גרוס — און
דאָס לעצטע מאָל אַ דריק געטון די האַנט.

דאָס לעבן דאָ איז האַרט און בייז און ביטער,
אַן אייביק ראַנגלען זיך מיט נאַכט און ווינט;
אַ וואַלד פון רויע, ליידיקע געמיטער,
נאָר בלינד צום גאָט פון דימענטן געדינט.

אַז דו וועסט ערגעץ לייענען אָט די ווערטער,
אַוודאי וועסט זיך פרעגן תמימותדיק באַחנט:
— „ווען איך דערמאָן זיין נאָמען — צי דען הערט ער?
צי האָט ער אין די לידער מיך געמיינט?"

אַנטווערפּן, 1935

כ'וועל אויסגיין אין הייליקן וואַנזין

כ'וועל אויסגיין אין הייליקן וואַנזין,
נאָך דיר, נאָך דיין וואָרט, נאָך דיין בליק; — — —
און ווי אַ געקרייציקטער וועל איך
דאָס לעבן אין הענט מער נישט האַלטן —
און בלינדערהייט גארן נאָך גליק.

קוים וועסט מיך אַ שיכורן טרעפן
ביינאַכט ביי אַ טונקלער לאַמטער;
דאַן וועל איך דיך זוכן אויף גאַסן
און פרעגןביים ווינט ביי דעם פייכטן:
— „כ'וועל קיינמאָל נישט זען דיך שוין מער?"

אַזוי קאָן נאָר זוכן אַ מאַמע
איר קינד ווען געקושט דאָס געזיכט
דער ים האָט אין ביטערן צאָרן... — —
כ'וועל אויסגיין אין הייליקן וואַנזין,
אין אויגן פאַרלאָשן דאָס ליכט.

אַנטווערפּן, 18־טער יוני, 1935

נאָך איינמאָל זען דיך אָט אַזוי

נאָך איינמאָל זען דיך אָט אַזוי —
דו מלאך און דו טייוול־פרוי!

אַ שיכור־טון און פֿאָלגן בלינד
דיין הייסן אָטעם און דעם ווינט.

און רעדן ווילדע, פּראָסטע רייד
צו דיר — אין וואַנזיניקער פֿרייד.

אויף דיין באַפֿעל נאָר זאָג: „ס'איז גוט!"
כ'בין גרייט צו רויב און מאָרד און בלוט.

נאָך איינמאָל זען דיך אָט אַזוי —
דו מלאך און דו טייוול־פרוי!

אַנטווערפּן, 1935

איך גאַסן אומבאַקאַנטע

כ'בין שטילערהייט מיט אייך פאַראַן, און — נישט פאַראַן,
איר קענט מיך נישט און ווייסט נישט ווער איך בין;
טאָ לעב איך אין באַהאַלטנקייט ווי אַ מאַראַן
און קיינער ווייסט נישט וועמענס גאַט איך דין.

איך זע אייך אַלע טאָג און יעדע שעה —
און איך באַוווּנדער פריידפול אייערע פראָסטע הענט;
ס'איז מיין לאַמטערן אויף מיין דאַך נישט שוואַרץ און אויך נישט בלאָ,
נאָר ווי דאָס ליכט פון סעמאַפאָר — אין וויטקייטן געווענדט.

ווייל פרעמדע בליקן זענען טיילמאָל אַזוי וואַרעם, אַזוי נאָענט,
אין נישט געוועדטע רייד איז אויך אַ סך פאַראַן! —
איך גיי אויף גאַסן אומבאַקאַנטע, דאָך — באַקאַנט;
פראָווינציע, לאַנגע קיוויט ביז צו פעליקאַן. *)

אַנטווערפן, 1935

*) גאַסן אין אַנטווערפן.

מיט פאַרבראָכענע הענט

ווי אַ פויער, וואָס קומט פונעם דאָרף
אין דער שטאָט און איז טעמפּ און צעשראָקן;
אַזוי האָב איך אומזיכער און פרעמד
זיך געלאָזט איבער מערב־אייראָפּע.

נו, צי קאָן דען אַ גאַס, אַ מוזיי,
מיר דערציילן דאָ עפּעס באַזונדערס?
דאָך איך גאַף און באַגרייף נישט דאָס אַלץ,
ווי געוועזן ס'וואָלט אַן אויסטערליש וווּנדער.

אין געאייל נאָך דיאַמאַנט און נאָך גאָלד,
אין געאייל נאָך פאַרמעג און — נאָך שקר,
ווערט געלעסטערט דאָס ריינסטע געפיל
און די הייליקסטע אַנונג געטרעטן.

און איך שטיי מיט פאַרבראָכענע הענט:
— אָט־אָ־דאָס איז מיין קינדערשער חלום,
וואָס אויף טרוקענעם, האַרבסטיקן פעלד,
כ'האָב אין ליכטיקן גלויבן געמאָלן?...

ערשט פון דאַנען דערזע איך ווי שיין
ס'איז מיין שטעטעלע מיט אירע בלאָטעס; —
ס'זענען מיר ליבער די כאַטעס פון ליים
ווי די הייזער אין מערב־אייראָפּע.

אַנטווערפּן, 1935

צי קאָן אַזאַ מענטש נאָך אַ מונטערער זיין?

צי קאָן אַזאַ מענטש נאָך אַ מונטערער זיין,
אַז פעסט און אַז שלאַנק זאָל זיין גוף זיין געבויט? —
ווען צוויי מאָל פון הונגער ר'איז בלינד שוין געווען
און דריי מאָל געזען פאַר די אויגן דעם טויט.

צי קאָן אַזאַ מענטש ווען נאָך ווערן דערפרייט
פון דעם, וואָס דער הימל איז בלאָ אָדער רויט? —
ווען צוויי מאָל פון הונגער ר'איז בלינד שוין געווען
און דריי מאָל געזען פאַר די אויגן דעם טויט.

צי קענט איר אַ מענטש, ווען אַליין נאָך אַלס קינד
געוואָלט האָט דערווערגן אַ קינד צוליב ברויט?
ווען צוויי מאָל פון הונגער ר'איז בלינד שוין געווען
און דריי מאָל געזען פאַר די אויגן דעם טויט.

אַנטווערפּן, 1935

קיינמאָל נישט...

כ'וועל שוין קיינמאָל נישט זיין צווישן די,
אין דער ריי פון די ליכטיקע בויער, —
נאָר באַלאָדן מיט אייגענעם טרויער,
ווי אַ מענטש פון דער פרעמד, פון נישט הי.

כאָטש איך ווייס עס געננוי און אויף קלאָר,
אויף מיין דור רוט אַ הייליקע שליחות, —
דאָך איך וועל מיט צעבראָכענע לוחות
שוין אַדורכגיין אַזוי מיינע יאָר.

אַנטווערפּן, 1935

איך

עס זיצן ערגעץ אין מיין גוף צוויי בלינדע כוחות
און פירן דאָרט אַן אייביקע מלחמה;
צי לעבט אין מיר די גוטסקייט פון אַ למד־וואָווניק,
צי פון אַ זינדיקן, צעפייניקטן די נשמה?

ווער קאָן נאָך אַזאַ פאָטער זיין צו קליינע קינ. ער
ווי איך, וואָס בין אַליין געווען אַ קינד אויף הפקר; —
קוים אָבער ס'שטייט אין קאָן דאָס בלוט פון מיינס אַ שונא,
דאַן קאָן אָט דער בעל־רחמים אים פאַרהאַסן, דווקא ער!

און כאָטש מען טרעפט מיך הינטער שטאָט אין נעכט אין בלאָע
פאַרחלומט גנבענען דאָס זילבער פון לבנה;
דאָך קאָן איך פונקט ווי אַזאַ שפּאַרבער זיך אַ לאָז־טון
מיט אַ פאַרביסענער, פאַרביטערטער כוונה.

און אויב ס'פאַרמאָגט די וועלט נאָך יאָ דעם צער פון מיטלייד
איז אויך אַ טייל דערפון ביי מיר אין האַרץ פאַרבליבן; — —
דאָך שרייט אַרויס פון מיר, פון אַלע מיינע גלידער,
דער וואַגאַבונד, אָ, וועמען ס'לעבן האָט צעריבן.

אַנטווערפּן, 1935

***

הפקר־יונג ווערט נישט פֿאַרלוירן,
וואַגאַבונד איז אייביק פֿריי; —
— ווילסט „וואַ באַנק״? — איז גוט. כ׳וועל שפּילן.
קאָנסט געווינען — הייסן בליי.

דער, וואָס האָט זיין וועג געפּלאַסטערט,
פּונקט ווי איך, אויף גרויל און האַס;
שטעלט דעם קאָפּ אין קאָן, ווי ס׳שטעלט דער
וואַגאַבונד אין קאָן — די גאַס...

אַנטווערפּן, 1935

חלומות מיינע

חלומות מיינע אָנגעטון אין קייטן
ווי תפיסהניקעס אין אַן ענגער צעל, —
צעבראָכן זענען אַלע הייליקייטן,
ווי אויף עמעצנס אַ בלוטיקן באַפעל.

ס'איז אויסגעגאַנגען ס'לעצטע וואָרט פון רחמים,
די לעצטע שעה פון נישט דערגרייכטער פרייד, —
דאָס לעבן איז אַ הפקרדיקער ממזר,
אַ נישטיקע פגירה איז דער טויט.

טאָ הויב איך אויף די הענט מיינע די מידע,
צו נאַכט, צו טרויער און צום פייכטן ווינט;
אַ לויב דעם בעטלער, וואַנדערער און שיכור,
די אויסגעשפּיגענע, ווי קראַנקע הינט.

חלומות מיינע אָנגעטון אין קייטן
ווי תפיסהניקעס אין אַן ענגער צעל —
צעבראָכן זענען אַלע הייליקייטן,
ווי אויף עמעצנס אַ בלוטיקן באַפעל.

אַנטווערפּן, 1935

אַ יונג פון דער גאַס

װען איך האָב אַלס קינד אויף דער ערד
געפּוילט אויף אַ האַרטן געלעגער;
און שפּעטער — אַ באָרװעסער יונג —
געװאָרן אַ פּשוטער טרעגער;
און בלויז פאַר אַ שיסל געקעכץ
צי פאַר אַ שטיק ברויט מיט אַ רעטעך,
גערייניקט דאָס מיסט און דאָס ליים
אינדרויסן, אין שנייאיקן װעטער, —
זענט איר דאַן געגאַנגען אין שול,
צי גאָר ביי דער קיך זיך געװאַרעמט, —
אויף מיר האָט אַן איינזאַמער הונט
אין פינצטערער נאַכט זיך דערבאַרעמט.

און כאָטש מיט די באָרװעסע פיס
כ׳האָב קוים אָנגערירט נאָר דעם באָדן, —
געהערט װי עס קלאַפּט שוין דער טויט
פאַרחוצפּהט אַריין אין מיין לאָדן.
איז װאָס אַז איך טראָג אין זיך האַס
און גיי דורך דעם לעבן פאַרביטערט?
צי קאָן דען אַ יונג פון דער גאַס
נישט פילן אַזאַ מין געװיטער
פון שנאה צו די, װעמען גליק
פלעגט שמייכלען װי זילבערנער רעגן, —
װען איך האָב אַלס קינד אין דער פרעמד,
געװאַנדערט אויף שנייאיקע װעגן.

אַנטװערפּן, 1935

כ׳וועל בלייבן אַליין אין מיין הויז

איך קען שוין גענוי און פּאָרויס
דעם גורל פון דיכטערשע ווערטער, —
צי טרויער, צי פריידיקער ברויז,
כ׳וועל בלייבן אַליין אין מיין הויז
פון קיינעמען נישט קיין געהערטער.

די לידער, זיי פאַלן אַריין
ווי עמעצס געשריי אין דער מדבר;
צו וואָס, אָ, פון ליבע און וויין,
פון הונגער, פון אַנגסט און געוויין
דערציילן אין בלוטיקע הימנען?

איז גלייכער צו גיין אין די נעכט
און חברשאַפט שליסן מיט מיידן,
וואָס לאַכן און זידלען זיך פרעך —
בלויז זיי קאָנען ערלעך און עכט
באַגרייפן יסורים און ליידן.

אַנטווערפּן, 1935

אַ גרוס דײַנע ברידער

עך, דו שוואַרצער מאַטראָז!
עך, דו שוואַרצער מאַטראָז!
וואָס דו שטײיסט אויפֿן דעק דאָרט אַ מידער!
און דו קריכסט אויף דער שיף,
אין דער הויך, אין דער טיף —
איך שיק איבער אַ גרוס דײַנע ברידער!

צי דו קומסט פֿון בראַזיל,
אָדער חלומסט אין שטיל
פֿונעם ווילד־אַפֿריקאַנישן דזשונגל; —
פֿון אײראָפּע נעם מיט
אין דײַן נעגערשן בלוט
דעם געברום פֿונעם ים, וואָס איז טונקל.

עך, דו שוואַרצער מאַטראָז,
ס׳זענען העל־רויט און ראָז
דאָ די קלאַנגען פֿון אונדזערע לידער;
איז דען אַנדערש דער פּרײַז,
ווען הויט־ברוין, צי הויט־ווײַס? —
איך שיק איבער אַ גרוס דײַנע ברידער!

אַנטווערפּן, 1935

איך גיי מיין וועג באזונדער

די וועלט זי גייט איר אייביק ווילדן גאַנג
און איך — איך גיי מיין וועג באַזונדער.
עס האָבן טויזנט קאָלעקטיוון נאָך אַפילו אויף אַ האָר
דעם ווייטיק פון איין יחיד נישט געלינדערט.

טאָ שטייען כוחות צוויי אַנטקעגן זיך
ווי בייזע חיות גרייט זיך צום פאַרציקן;
אין יעדנס אויגן זע איך שנאה, זע איך גיריקייט נאָך בלוט —
און טרויער זעט מען בלויז אין מיינע בליקן.

אויף טאַצן טראָגט מען תורה און מאָראַל
און הינטער פּאָלע — ס'בלאַנקענדיקע מעסער;
ס'וויל יעדער אונדזער אויסלייזער און דער באַפרייער זיין,
און יעדער שמידט אויף תפיסות נייע שלעסער.

די וועלט, זי גייט איר אייביק־ווילדן גאַנג
און איך — איך גיי מיין וועג אַזוי באַזונדער.
עס האָבן טויזנט קאָלעקטיוון נאָך אַפילו אויף אַ האָר
דעם ווייטיק פון איין יחיד נישט געלינדערט.

אַנטווערפּן, 1935

אין א זומער-נאַכט

דעם אָנדענק פון מיין טייערן אַבראַשאַ וויינער

כ׳האָב אַמאָל אין אַ זומער־פאַרנאַכט
מיט דער זון צו דיין היים דיך באַגלייט,
און געזען ווי דו טראָגסט אויף דיין קאָפּ
פיר־און־דרייסיקסטן פרילינג מיט פרייד.

נאָר פון וואַלדישער שוואַרצקייט אַרויס,
פאַר דער זון, ווי פאַרשעמט זיך אַזוי,
האָבן פעדעמלעך ווייסע געבליט,
אָ, פאַראיינזאַמטע — זילבער און גרוי.

און דו האָסט מיינע בליקן באַמערקט,
מיינע בליקן די שטומע, ווי רייד;
כ׳האָב געזען ווי דו טראָגסט אויף דיין קאָפּ
פיר־און־דרייסיקסטן פרילינג מיט פרייד.

און ס׳איז אפשר אין האַרץ ערגעץ טיף
ווו געלעגן באַהאַלטן דיין צער;
נאָר די אויגן זיי האָבן געלאַכט:
— כ׳בין פון גלויבן אַליין איצט דער שר.

ווייל אַזוי קאָן נאָר טראַכטן אַ מענטש,
וואָס איז ערלעך און לויטער ווי דו;
ערגעץ ווייטיקט אַ בלוטיקע ווונד,
אָבער ס'פּנים פול גוטס און פול רו.

ווי אַ וווּנדער געווען ביסט פאַר מיר,
צי אין פרייַנטלעכער נאָענטקייט, צי שטרייט —
כ'האָב געזען ווי דו טראָגסט אויף דיין קאָפּ
פיר־און־דרייסיקסטן פרילינג מיט פרייד.
— — — — — — — —

און ס'קומט ווידער אַ זומער־פאַרנאַכט,
אינעם שטאָט־רויש נישטאָ דיינע טריט;
אָ, צי האָב איך דען, ליבער, געוווּסט,
אַז נאָך דיר וועל איך שרייבן דאָס ליד?

אַנטווערפּן, 11־טער מאַי, 1935

V

איך בין אריינגעגאנגען אין דער וועלט...

איך בין אַריינגעגאַנגען אין דער וועלט ווי דורך אַ טויער
פון אַזאַ פינצטער־מיטלאַלטערלעכער קירך ;
כ'האָב אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך,
וואָס האָט געטראָגן זיך פון הינטער שאָטנדיקער מויער.

ס'איז פרעמד געווען מיר יעדער, וואָס אַנטקעגן איז געקומען,
זיין פּנים כ'האָב געזען, נאָר כ'האָב אים נישט דערקענט ; — —
ווי שטיל ער וואָלט געשאַרט זיך ביי די טונקלע ווענט
און פּלוצים אויסגעגליטשט זיך, אין דער נאַכט אַנטרונען.

בין איך אַריינגעגאַנגען אין דער וועלט און נישט פאַרשטאַנען,
אַז די געפאַר האָט אירע נעסטן אויפגעבויט, —
איין טריט פון אַנדערן און ס'לויערט שוין דער טויט,
אַז אומגליק און יסורים איז אַזויפיל דאָ פאַראַנען.

צעוואונדיקט, דאָך — פאָרויס, ווי אַ געפאַנגענער אין תפיסה,
נישט אויסגעדרייט זיך, נישט געזוכט דעם וועג צוריק — —
צי וועט דען נישט אַמאָל אַרום מיין האַלדז די שטריק
פאַרציען זיך אַלץ ענגער ביז אין רגע פון דער גסיסה ?...

אַנטווערפּן, 1937

ווען מען ס וועג אינעם לעבן ס'איז גלייך...

וועמענס וועג אינעם לעבן ס'איז גלייך,
נאָר מיין וועג אינעם לעבן איז קרום; —
ווער עס גייט דורך אַ וואַלד אין דער טיף,
נאָר בלויז איך קרייז אַרום און אַרום.

אַזאַ וועג בלייבט פאַר מיר בלויז אַ סוד —
ער דערפירט נישט צו מענטש, נישט צו גאָט.

טראָג איך אײנער אַליין אָט דעם צער,
ווי אַ שטיין אַ צעגליטן אין האַנט, —
און קוים פרווו איך אַ וואָרף־טון דעם שטיין,
טרעף איך אָן אין אַן אײזערנער וואַנט.

און צוריק פליט דער שטיין דאַן אין מיר,
ווערט די ווונד נאָך פיל גרעסער ווי פריער.

קומט אַ פרילינג צעזילבערט און קלאָר,
קומט אַ זומער אַ רייפער — צום שניט:
כ'האָב געאַקערט די ערד און פאַרזייט,
אויף מיין פעלד האָט נאָך אַלץ נישט געבליט.

וועל איך וואַרטן נאָך עטלעכע יאָר,
וועלן ווייס זיך צעבליען די האָר.

מיט אַן אייביקער בענקשאַפט נאָך רו,
כ'וועל געשלעפּט, ווי אַ ראָד, אין גערויש: —
אויפן מאַרק, אין דער גאַס, אין דער שטאָט,
וווּ מען האַנדלט מיט ברויט און מיט פלייש. — —

וווּ מען האַנדלט מיט גייסט און מיט ליד, —
עד, ווי בין איך פאַרפייניקט און מיד...

אַנטווערפּן, 1937

אַנזאָג

איך ווייס, מיין וואָרט קאָן נויטיק זיין ווי ברויט
און בלאַנק און שאַרף קאָן זיין אַזוי ווי שטאָל, —
און ווי בעטאָן צו בריקן, וואָס מען בויט.

עס זענען אַלע קאָרידאָרן שמאָל,
ווען שרפות ברענען אימהדיק און רויט —
און מיר, מיר זענען ווייניקע אין צאָל.

איך פיל, אַז איך באַגיי אַ גרויסע זינד
לגבי זיך און אויך לגבי אייך. — —
ס׳וועט אפשר ווען אַ פרעג־טון מיך מיין קינד:

— וואָס ביסטו אַזוי ציטערדיק און בלייך?
דיין וואָרט איז ווי אַ שניידנדיקער ווינט,
טאָ זאָל דיין קול — אַ פויסט זיין אין דער הייך.

כ׳וועל דעמאָלט מער נישט ענטפערן, אָ, ניין.
מיין פנים וועט פאַרהילן זיך אין שאַנד, —
ביי אייך אויף טישן פינקלען וועט דער ווין...

די וועלט איז קראַנק און קאָרטשעט זיך באַנאַנד
מיט ליפּן צו דער ערד אין אַ געוויין. — —
כ׳וועל, ווי אַ פאָן, נאָך אויסשטרעקן מיין האַנט!

אַנטווערפּן, 1937

און אויב איך האָב אמאָל א הייליקן געזען...

און אויב איך האָב אַמאָל אַ הייליקן געזען,
ס'איז נישט קיין אויסגעבליכטער נזיר דאַן געווען;
נאָר אַזאַ קינד אַ קראַנקס, אין פיבערדיקער היץ,
וואָס האָט מיט טרוק'נע ליפּעלעך — פון דורשט פאַרברענט —
געמאָנט אַ ביסל מילך, פּונקט ווי אַ חוב ביי גאָט,
און אויסגעגאַנגען ביי דער מאַמען אויף די הענט.

און אויב איך האָב אַמאָל אַ הייליקן געזען,
ס'איז נישט קיין אויסגעבלייכטער נזיר דאַן געווען;
נאָר ס'מאָגערע געשטאַלט פון אַזאַ גאַסן־יונג,
וואָס האָט אַ ברויט געגנבעט אין אַן אָר'מער קראָם,
(פון הונגער האָבן זיינע קישקעס זיך פאַרדרייט)
נאָר בעטלען, ווי אַ הונט, דאָס האָט ער נישט געקאָנט.

און אויב איך האָב אַמאָל אַ הייליקן געזען,
ס'איז נישט קיין אויסגעבליכטער נזיר דאַן געווען;
נאָר ווען עס האָט דער בעז אין גערטנער זיך צעבליט
און ס'האָט פרימאָרגן זיך געזילבערט און געקלאָרט, —
איז עמעץ, אַ פאַרצווייפלטער, אַרויס אין שטאָט,
אין הענט — דעם פרילינג און די ליבע און דעם מאָרד...

אַנטווערפּן, 1937

עס לעשט זיך אויס דער לעצטער פלאַם

איך פיל, עס לעשט זיך אויס אין מיר דער לעצטער פלאַם,
נאָר בלויז אַ פייער טליעט ערגעץ אין דער טיף, —
און איך אַליין, ווי אַזאַ ברענענדיקע שיף,
וואָס זינקט אַראָפּ אין טונקלע אָפּגרונטן פון ים.

עס טראָגט אַ שטורעם זיך אַריבער אין דער הויך,
ווי ס'וואָלט צעברוגזט זיך דער גאָט פון נאַכט און ווינט;
און אין געדריי פון כוואַליעס אימהדיק און בלינד
ס'הויבט אויף צום הימל זיך אַ גראָער וואָלקן רויך.

רופּס אַלץ אין מיר: באַווייז אַ וווּנדער און אַ נס!
נאָר מיין געשריי עס בלייבט פאַרהאַקט צעווישן ציין — —
אָט גליטשט דער באָדן זיך אַפּער און וויל פאַרגיין,
— אָ, נישט צו שפּעט די הילף זאָל קומען: „עס.אָ.עס.“!

איך פיל, עס לעשט זיך אין מיר אויס דער לעצטער פלאַם,
נאָר בלויז אַ פייער טליעט ערגעץ אין דער טיף —
און איך אַליין ווי אַזאַ ברענענדיקע שיף,
וואָס זינקט אַראָפּ אין טונקלע אָפּגרונטן פון ים.

אַנטווערפּן, 1937

די לידער מיינע זענען נישט קיין פרילינגס-בלומען...

די לידער מיינע זענען נישט קיין פרילינגס־בלומען
פאַר פרויען, וואָס זיי שמייכלען חנעוודיק און קלאָר;
עס איז מיין ליד אַזאַ געמיש פון בלוט און אייזן,
פאַר אונדזער טרויעריקער, ווייטיקדיקער וואָר.

עס זענען ווערטער נישט קיין גאָלדענע געוועבן,
נאָר אויפן האַלדז פון אַ פאַרמשפּטן — די שטריק;
אויב ס'ברענט די ערד פון אונדזער היינט, דאַן מוז איך ווערן
פון אונדזער נעכטן ביז צום מאָרגן בלויז די בריק.

ס'איז גוט, ווען וואָרט איז פּונקט ווי סטרונע פון אַ לירע, —
מיין דור אַזאַ געזאַנג איז הערן נישט באַשערט — —
טאָ נאַ דיר, ברודער, נאַ דיר פייערדיקע הימנען,
וואָס זאָלן לויכטן ווי די שאַרפקייט פון אַ שווערד.

די לידער מיינע זענען נישט קיין פרילינגס־בלומען
פאַר פרויען, וואָס זיי שמייכלען חנעוודיק און קלאָר;
עס איז מיין ליד אַזאַ געמיש פון בלוט און אייזן,
פאַר אונדזער טרויעריקער, ווייטיקדיקער וואָר.

אַנטווערפּן, 1937

ווער ס'מיינט, אז כ'בין אויף אייביק שוין פארפאלן

ווער ס'מיינט, אַז כ'בין אויף אייביק שוין פאַרפאַלן,
דעם זאָג איך: ניין! איר זעט, כ'בין דאָ! כ'בין דאָ!
דורך פייער און דורך וואַסער און דורך ווינטן,
נאָר מיינע האָר זיי זענען נאָך נישט גראָ.

עס האַלט מיך אויף די קראַפט פון מיין עקשנות
און נערט מיך, ווי דעם בוים די זאַפט פון ערד;
ווען נאַקעט כ'זאָל אַדורכגיין טויזנט שרפות,
כ'וועל ווי דער סנה אַלץ בלייבן נישט פאַרצערט.

כאָטש פינצטער ס'איז דער טרויער אויף מיין פנים,
ס'קריצט ביטערניש זיך אויס אַרום מיין מויל, —
כ'לאַך פרעך אַריין דעם גורל אין די אויגן,
ווייל כ'קען אים שוין, דעם הונגער און דעם גרויל.

ווער ס'מיינט, אַז כ'בין אויף אייביק שוין פאַרפאַלן,
דעם זאָג איך: ניין! איר זעט, כ'בין דאָ! כ'בין דאָ!
דורך פייער און דורך וואַסער און דורך ווינטן,
נאָר מיינע האָר זיי זענען נאָך נישט גראָ.

אַנטווערפּן, 1937

אייביק

ווען אַלץ וואָס ס'איז שיין איז אויך אייביק
און אַלץ וואָס ס'איז אייביק — איז שיין;
אין טאָג, ווען מיין ליכט וועט זיך לעשן,
כ'וויל זיין ווי די זון ביים פאַרגיין.

ווייל אַלץ וואָס ס'איז שיין איז אויך אייביק
און אַלץ וואָס ס'איז אייביק — איז שיין;
און וואָס פאַר אַ ווערט האָט די וועלט דאַן,
ווען איך וועל שוין דאָ מער נישט זיין?

ווייל אַלץ וואָס ס'איז שיין איז אויך אייביק
און אַלץ וואָס ס'איז אייביק — איז שיין;
צי זענען דעןליידן נישט הייליק
און לויטער ווי ס'איז מיין געוויין?

אַנטווערפּן, 2־טער יוני, 1937

ווען כ'רוף צו גאָט

ווען כ'רוף צו גאָט, איז ווענד איך זיך צו דעם,
וואָס כ'קען אים נישט און קיינער קען אים נישט, —
אַ גאָט, וואָס לעבט אין טיפעניש ביי מיר,
און אפשר איז עס — איך...

צו וועמען זאָל איך תפילה־טון אין נעכט
ווען אין מיין שטוב איז קיינער שוין נישטאָ, —
אויב נישט צו קיינעם, וואָס איז אויך נישטאָ, —
צו וועמען תפילה־טון ? — —

צו וועמען שרייען אין די טעג פון פיין,
צו ערד ? צום הימל ? אָדער גאָר צום ווינט ?
ווייל ערגעץ מוז דאָך זיין אַזאַ אַדרעס !...
צו אַלדע שוואַרצע יאָר !

אַנטווערפּן, 1937

דער נעגער האָט שוין זיינס געטון...

ס'איז נישט קיין ליד און נישט קיין שפּרוך, —
אַ מעשהלע בלויז פיין;
— „דער נעגער האָט שוין זיינס געטון,
דער נעגער קאָן שוין גיין“...

ווער ס'שטרעקט די הענט צו דעם, וואָס רויבט
און זאָגט: — „דו ביסט גערעכט“!
איז ווי אַ בעטלער שפּלדיק
און ערגער פון אַ קנעכט.

ווען ס'דאַרף דער האַר צו האָבן דיך,
דאַן טרינקט ער מיט דיר ווין;
— „דער נעגער האָט שוין זיינס געטון,
דער נעגער קאָן שוין גיין“...

ווען ס'דאַרף דער האַר צו האָבן דיך,
דאַן איז ער פרום און גוט;
נאָר הינטער פּאָלע איז שוין גרייט
דער בריענדיקער קנוט.

ווער ס'איז באַשאַפן ווילד און פּרעך,
וועט אייביק אַזוי זיין; —
— „דער נעגער האָט שוין זיינס געטון,
דער נעגער קאָן שוין גיין"...

צי וועט נישט אויסזען שוידערלעך
דער צאָרנדיקער האַס? —
ווען ס'וועט זיך וויגן ווי אַ וואַלד
די אויפגעבראויזטע גאַס...

איך טראָג אין זיך אַ וואָרט אַ שטומס,
ווי חלף צווישן ציין; — —
— „דער נעגער האָט שוין זיינס געטון,
דער נעגער קאָן שוין גיין"...

אַנטווערפּן, 1937

***

אַ בלינדער שטורעם לויפט אַרום אַזוי אין מיר,
ווי געוואָלט זיך פונעם גוף באַפרייען און אַרויס; — —
פאַרקלאַמער איך — ווי שטאָל — אין פויסטן איין די הענט
און כ'הער אין מיינע בלוטן אָט דעם ווילדן ברויז.

צי איז אַ חשבון דאָ, אַז וויסן כ'זאָל פאַרוואָס
עס האָט אין מיר צעבונטעוועט זיך אַלץ אַזוי? —
איז אפשר ווייל ס'האָט נויט צעוואַלגערט זיך אין שטוב?
און אפשר ווייל מיין רו געריבט איז דורך אַ פרוי?...

איך וואַרף זיך אין געלעגער... כ'שפרינג מיט אימפעט אויף...
און כ'שפּאַר מיין קאָפּ צעגליטן צו דער קאַלטער שויב; —
און פלוצים — קלאָר איך האָב דערזען דאָס העלע ליכט,
ווי ס'האָט דערזען די ערד דאן נחס ווייסע טויב.

אַנטווערפּן, 27־טער יולי, 1937

די וועלט א בית-עלמין...

— „און אפשר, ווער ווייסט, עס וועט פּאַרט אַמאָל אָנקומען הילף?"
צי טראַכט נישט אַזוי אַ פאַרוואָרפענער, עלנטער מאַן
אויף פעלדזיקן אינדזל, אין היץ און אין פיבער און ווינט —
נאָר בייז האָט פאַר אים זיך צעבושטעוועט דער אָקעאַן.

די הענט זענען מיד פונעם ווערן זיך אייביק אין קאַמף,
דער ווילן צעטרעטן איז ווי אַ געפגרטע קראָ; —
וועט עמעץ דען הערן, ווען כ'וועל איצט צום טויזנטסטן מאָל
אין נאַכט אַריין שרייען: כ'בין דאָ! איך בין דאָ! איך בין דאָ!

איז גלייכער צו שווייגן און זאָגן צו זיך סתם אַזוי:
אַ חטא — יעדעס וואָרט. ס'איז מתפּלל־זיין גאָרנישט כדאי, — —
ווייל, וועלט — אַ בית־עלמין; און אונדזערע פינצטערע יאָר,
ווי מתים, וואָס ווערן באַגראָבן אַזוי לויט דער ריי...

אַנטווערפּן, 1937

ס'האָט פאַרלוירן דאָס וואָרט זיין באַדייט...

ס'האָט פאַרלוירן דאָס וואָרט זיין באַדייט,
אין געריוש פון צעהוליעטן זאַל, — —
מעג דאָס האַרץ זיך פאַרגיין אין געוויין,
נאָר גיב אַכטונג, וועסט ווערן באַנאַל!...

איז נאָך וואָס אין די לויטערע נעכט
צו לבנה אויסשטרעקן די הענט? — —
ווען גאָר ביליק און אויף קילאָוואַט
די עלעקטרי באַלייכט דיינע ווענט?...

וועט דען עמעץ דיך הערן, ווען זאָגסט:
— „די נשמה זי שוועבט ווי אַ טויב"...
ווען די וועלט אַזש פאַרשיכורט און בלינד
איז פון שנאה, פון בלוט און פון רויב.

ליגט דאָס ליד ווי צעריסענער שוך
ביי דעם טויער פאַרשליידערט, פאַרשעמט; —
וועט דען עמעצער געבן דערפאַר
אַ קראַוואַט, אַ פּאָר הויזן, אַ העמד?

בלויז פון דאַנען עס נעמט זיך מיין וויי
און מיין שאַנד און מיין קללה, מיין האַס; —
ווייל מען דאַרף נישט דאָס שטילע געזאַנג,
נאָר דאָס ווילדע געשריי פון דער גאַס.

ס'האָט פאַרלוירן דאָס וואָרט זיין באַדייט,
אין גערויש פון צעהוליעטן זאַל, — —
מעג דאָס האַרץ זיך פאַרגיין אין געוויין,
נאָר גיב אַכטונג, וועסט ווערן באַנאַל!...

אַנטווערפּן, 1937

און אַז אַ מענטש איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין?...

אַ פּראָזע... וואָרט־שפּיל... אַ געלונגענער פאַרגלייך...
און אפשר איז דאָס אַלץ בלויז פרומע מליצה?
ווייל שווער איז צו דערגרונטעווען צו זיך אַליין,
אַז ס'זאָל אין פינצטערניש אַ בליץ־טון העלער שיין; —
פון לעפצן ביז צום האַרץ, וואָס פאַר אַ מחיצה!

איך שעם זיך טיילמאָל, ווי עס שעמט זיך אַזאַ קינד,
צו לעבן מיט אַ לעבן פון נגינה; — —
אין קאַמף אין אייביקן פאַר ברויט, פאַר ווייב, פאַר זין,
ווי שווער ס'איז צו דערגרונטעווען צו זיך אַליין —
אין זיך אַליין די הייליקייט געפינען...

צי איז נישט אַלץ געזאָגט געוואָרן נאָך פאַר מיר?
וואָס וועל איך מיט מיין קומען נאָך באַנייען? —
און אַז אַ מענטש איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין?...
עד, שווער איז צו דערגרונטעווען צו זיך אַליין,
ווי זיך אַליין פון תפיסה צו באַפרייען...

אַ דור, וואָס פרעמד איז אונדז, שטעלט אויס זיך אין דער ריי,
אַ דור, וואָס וועט פאַרבייגיין און פאַרגעסן;
ס'איז שווער זיך צו דערגרונטעווען צו זיך אַליין?... — —
די ערד זי וועט שוין איינשלינגען אונדזער געביין
און מילבן וועלן אונדזערע ספרים עסן...

צו וואָס דאָס הובלעווען און שלייפן גאָר דאָס וואָרט?
איז טאַקע בלויז דאָס קאַלטע וואָרט דער עיקר? —
ווי זינלאָז איז צו שפּילן זיך מיט קלאַנג און ריים,
ווען שווער ס'איז צו דערגרונטעווען צו זיך אַליין, — —
עס ליגט פאַרפּייניקט די נשמה און צעבלוטיקט...

אַנטווערפּן, 12־טער יוני, 1937

איין-איינציק ליד געגוג כ'האָב פאַר מיין לעבן...

אַזוי פיל לידער האָב איך שוין געשריבן
און ביז איצט נישט געפונען נאָך דאָס ליד,
וואָס זיין עס זאָל אַ לויכטנדיקער הימן
און ס'לויטערסטע געוויין פון מיין געמיט.

כ'האָב ווערטער און באַגריפן און ניואַנסן,
נאָר ס'פעלט דאָס וואָרט פון סנהדיקן פלאַם;
ווי אייביק כ'וואָלט געיאָגט זיך, אויף צו פאַנגען
דאָס פישעלע דאָס גילדערנע אין ים.

איין־איינציק ליד געגוג כ'האָב פאַר מיין לעבן,
נאָר אויסגעקריצט פון פייער זאָל עס זיין;
ווי ס'זענען לוחות אויסגעקריצט געוואָרן
אין ציטער און אין ווייטיק און אין פיין.

איין וואָרט — פון אַלע ווערטער די נשמה,
ווי הייליקער און מעכטיקער געבאָט; —
וואָס זאָל זיך איינגראָבן אין טיפסטע טיפן
און אויפגיין ווי אַ שטילער רוף צו גאָט.

אַנטווערפּן, 1937

צוועלף

ווען אין אַ שלאָפלאָזער און אימהדיקער נאַכט,
דער זייגער אין מיין שטוב האָט אויסגעשלאָגן צוועלף, —
געשריגן כ׳האָב צו איינעם, וואָס איז גאָר נישטאָ:
— העלף!

כ׳האָב אויפגעעפנט טיר און כ׳בין אַרויס אין גאַס,
עס האָט די שטאָט געגוסטט אין צעטרעטענעם שניי;
צום בעטלער אינעם ראָג האָב איך אַ רוף געטון:
— שטיי!

נאָר עמעצער האָט אויפגעציטערט טיף אין מיר,
אָט דער, וואָס איז מיט מיר צוגלייך געוועזן וואַך; —
ער האָט געכיכעט. אויף להכעיס כ׳האָב געזאָגט:
— לאַך!

נאָר פלוצים זענען אָפּגעשטאָרבן מיינע טריט.
— צי גיי איך באָרוועס דאָ? צי בין איך טאַקע איך?...
עס האָט אַ קול געטריבן מיך, ווי נאָכגעיאָגט:
— גיך!

ביז בלינדערהייט כ'בין צוגעקומען צו מיין הויז
און פול מיט אימפעט בין איך אויף די טרעפּ אַרויף; —
און הינטער מיר געחוזקט האָט דאָס זעלבע קול:
— לויף!

ווען אין אַ שלאָפלאָזער און אימהדיקער נאַכט,
דער זייגער אין מיין שטוב האָט אויסגעשלאָגן צוועלף, —
געשריגן כ'האָב צו איינעם, וואָס איז גאָר נישטאָ:
— העלף!

אַנטווערפּן, 1937

די גאַס

עס לאַכט די גאַס מיט פּעבלישן געלעכטער,
ווען ס׳פאַלט אַ פערד אָדער ווען ס׳פאַלט אַ מענטש;
ס׳געשריי פון דעם המון איז אומגערעכטיק,
ווען ער קומט אָן מיט הענט ווי אָנגעגרייט צום לינטש.

עס וויינט די גאַס אַזוי נאַאיוו און גלויביק,
פון נייעסן געלייענטע אין בלאַט;
— די ליבע, אוי, די ליבע זי איז טרויעריק,
וואָס ס׳פירט די דינסט־מויד מיט יענעם סאָלדאַט.

עס רעדט די גאַס, ווי ס׳וואָלט אַ שלאַנג געצישעט.
מיט גיפט מיט ברענענדיקן פון איר מויל, — —
גרימאַסיק, גראָד ווי קאָנוולסיוו געהעשעט
ס׳וואָלט עמעצער אין אימהדיקן גרויל...

עס ברויזט די גאַס אין שטורעם פון געוויטער,
צעבונטעוועט און באַרוועס און אַנטבלויזט;
ס׳איז שיין און מעכטיק פון המון דער ציטער,
מיט אויפגעהויבענער, געביילטער פויסט...

אַנטווערפּן, 1937

„זשיד!"

אַ וואָרט, וואָס גייט אַרום איבער דער וועלט און
ווי אַ וויכער שניידט אין דורות זיך אַריין; —
די פעלקער, מיט אַ שמייכל אַ פאַרשטעלטן,
זיי ווייזן אונדז אין שנאה אָפּט די ציין:
— „זשיד"!

אין אַלע שפּראַכן און אין אַלע קלאַנגען,
פאַר מיר — איך הער עס תמיד אין איין שפּראַך;
ווי ס'וואָלט אַ פייל אַ גיפטיקע געהאַנגען
אין יעדנס ווילד און חוזקדיק געלאַך:
— „זשיד"!

אין מזרח, מערב, צפון און אין דרום,
היינט דאָ און מאָרגן דאָרט וואַקסט אויס די פויסט; —
אין די געהירן קריכט אַריין אַ וואָרעם
און בויט אין פינצטערניש זיך אויס אַ נעסט;
— „זשיד"!

איך הער דאָס וואָרט אין שטעטלדיקע קראָמען,
ווו יידן מסחרן אויף באָרג, אויף באַר;
און דעמאָלט ווען דער חלף פון פּאָגראָמען
עס פינקלט אויף אין טויטנדיק געפאַר:
— „זשיד"!

הייסט שיילאָק? רבי פון באַכראַך אַפילו?
צי הייסטו אפשר יאַנקל צימבאַליסט? —
— „ביסט ייד — אַ שד, אַ קללה איז דיין תפילה,
ביסט גאָטלאָז, ווייל דו ביסט אַ קאָמוניסט!"
— „זשיד"!

עס קומען צו אַלץ נייע טאָרקוועמאַדאָס,
וואָס גרייטן בלינד די שייטערס פאַר אונדז צו —
מיין שטילע מאַמע און מיין פרומער טאַטע,
זיי רויבן גאָר ביי מעכטיקע די רו...
— „זשיד"!

מיר זענען נישט אין טרויער, ווי אבלים,
כאָטש אייביק וואַרעם איז דאָס בלוט, וואָס מאָנט; —
עס האָט די שווערד און אויך עס האָט דער צלם
אונדז ווי אַ דעמב, נישט אויסוואָרצלען געקאָנט.
— „זשיד"!

אַ וואָרט, וואָס גייט אַרום איבער דער וועלט און
ווי אַ וויכער שניידט אין דורות זיך אַריין; —
די פעלקער, מיט אַ שמייכל אַ פאַרשטעלטן,
זיי וויזן אונדז אין שנאה אָפּט די ציין:
— „זשיד"!

אַנטווערפּן, 10־טער יוני, 1937

עדגאר אלען פאָ

צילינדער־הוט אויף קאָפּ, אויף פּלייצעס — פּעלערין,
אין שענקען און אין קנייפּעס אויף צעשפּילטער מאַנדאָלין, —
ס'האָט אַדל זיך געגליטשט, ווי באַרג־אַראָפּ אַ פערד,
פאַרלוירן לייץ און צוים און אונטער פיס — די ערד;
און אַ צעפּיבערטער פון היץ און ווייַן אָ, יאָ!
דו האָסט עס מיר געוויזן, עדגאַר אַלען פּאָ.

אָ, קראַנקער בעל־חלומות; ריטער פון דער נאַכט!
עס האָבן ווינטן הינטער פענצטער זיך צעלאַכט, — —
געאָרעמט דורך די זאַלן מיטן רויטן טויט
האָסט דורכגעשפּרייזט אַזוי, ביז מאָרגן האָט געגרויט, —
געברויזט, געבונטעוועט זיך און געבענקט נאָך רו,
דו מייסטער און באָהעם, אָ, עדגאַר אַלען פּאָ.

לונאַטיש, ביי לאַמטער, אין שאָטנדיקער גאַס,
די האָר צעשויבערט — אַזוי ערב־משוגעת,
אין הברשאַפט מיט זונה און מיט בלאַטן יונג,
האָסט אויסגעבעטלט אַ פאַרחלשטער, אַ טרונק.
געלויבט זיי, אַלקאָהאָל, צי איז נאָך בעסערס דאָ
פאַר דיינע זעאונגען? — אָ, עדגאַר אַלען פּאָ.

צי האָסטו נישט געטראָגן מאָרד אין דיינע הענט?
און בלוט געזען אויף שויב און בלוט געזען אויף ווענט?
איז נישט געוויסן אַזאַ שטומער הונט? — צי האָט
אין האַרץ פון מענטש באַזעצט זיך טייוול אָדער גאָט?...
און ס'האָט אין אַנגסט אַ שלאָפלאָזע — אַ בייזע קראָ,
געפּייניקט דיין געדאַנק, אָ, עדגאַר אַלען פּאָ.

און נישט געשטאָרבן ביסטו ווי אַ קאַפּיטאַן,
אין אַ געראַנגל מיט די כוואַליעס אויפן ים, —
און אויך נישט ווי אַ קריגס־מאַן ערגעץ אינעם פעלד,
ביי אַ טרומייטן־שאַל, ווען ס'פאַלט אַ גרויסער העלד;
נאָר שיכור אינעם רינשטאָק, טיף געזונקען ביזן דנאָ,
ביסט אויסגעגאַנגען שטיל, אָ, עדגאַר אַלען פּאָ.
— — — — — — — — —

און איצט אַז דו ביסט מער לעגענדע שוין ווי וואָר,
ווען ס'לעבט אַזאַ צעפּליישטער נאָך־מלחמה־דור;
געקומען דווקא איז אַ יידישער פּאָעט
און אין אַ ליד באַזונגען דיך, ווי אַ געבעט,
אַזוי פאַרהייליקט יענע לויכטנדיקע שעה
אין אויפבליץ פון דיין גייסט, אָ, עדגאַר אַלען פּאָ.

אַנטווערפּן, 1937

עס איז אַ לויטערע און הייליקע די שעה...

עס איז אַ לויטערע און הייליקע די שעה,
ווען ס'ליכט פון בין־השמשות רינט דורך מיינע פינגער;
איך פיל, אַז אין דער בלאָקייט בין איך ווידער דאָ
און אַלץ אין מיר עס הויבט אָן שטיל אַזוי צו זינגען.

פיל שענער נאָך פון אַלע פאַרבן אין דער וועלט,
איז יענע פאַרב, וואָס כ'האָב פאַר איר נאָך נישט קיין נאָמען; —
אַ שווייגנדיקער, פאַר מיין טיר, אויף האַרטער שוועל
איך וואַרט. אויף וועמען וואַרט איך? ווער דאַרף צו מיר קומען?...

דאָך שיכור ווער איך נישט פון טריפנדיקן וויין
און נישט באַרוישט אַפילו פון אַ שטערן־רעגן, —
ווייל קיינמאָל, קיינמאָל קאָן קיין אייביקע נישט זיין
אין נעכט — די אויסגעבענקטע, ציטערדיקע רגע.

גערוישלאָז, אָן שום ווערטער, ווייגט אין מיר אַ ליד
און לויפט דורך אַלע מיינע אָדערן צעהעלטער, — —
— אָ, קינד, זאָל נישט צעשויבערן נאָר דיין געמיט
אַ שטורעם, וואָס ברעכט אויס אין ווילדע, טונקלע וועלדער...

— — — — — — — — — — — —

נאָר אַזאַ שאָד, די וויזיע מיינע איז צו ענד,
ווי ס'וואָלטן ערשט פאַרבייגעשוועבט אַ מחנה טויבן; —
און כ'שטיי מיט אויסגעשטרעקטע, אָפּגענאַרטע הענט,
ווי צווייגן נאַקעטע אין לופטן אויפגעהויבן...

אַנטווערפּן, 1937

אַ הימן צו דער פרוי

פאַראַן אַזוי פיל פרייד אין שעה פון דער באַגעגנונג,
מיר דאַכט: ס'ווערט הימל בלאָער, ליכטיקער דער טוי;
דאָס פנים פון דער וועלט ווערט שמייכלענדיק און לויטער,
ווי לויטער ס'קאָן נאָר זיין דער שמייכל פון אַ פרוי.

ווי צוגעמאַכטע בלום, אַזוי ביסטו פאַרשלאָסן,
מיט סודותדיקן שווייגן רייצסטו מיך אויפסניי;
דו צערטלסט און דו שטראָפסט און ווידער ביסטו זוניק,
נו, זאָג, צי קאָן דען נאָך קאַפּריזנער זיין אַ פרוי?

איך זע ווי ס'זענען קלאָר און בויגזאַם דיינע פינגער,
אַן אומרו דיין געמיט — דאָ ראָז און דאָ באַלד גראָ;
דו ווייסט אַפילו נישט, אַז ס'שניידט דיין דין געלעכטער,
ווי שאַרפער חלף אין מיין גוף זיך איין, אָ, פרוי!

ביסט היינט אַזאַ ווי נעכטן, מאָרגן וועסט ווי היינט זיין,
פאַר מיר — אַן אייביק אומפאַרענדערטע אַזוי;
כ'באַוווּנדער דיך, ווי אַלץ וואָס שיין איז איך באַוווּנדער, —
צי וועסטו וועלן הייליק דאָס מיר גלייבן, פרוי?

אַ הימן כ'זינג צו דיר, נאָר — דו ביסט נישט קיין נימפע,
דאָס פלייש אונטער דיין הויט איז אויך מיט בלוט און רוי;
כאָטש כ'האָב דיך ליב אַזוי אָ ווי עס ליבט דער שיכור בראָנפן,
דאָך גיי דיין וועג, אַן איינזאַמער כ'וועל בלייבן, פרוי!

אַנטווערפּן, 1937

איך ווייס...

איך ווייס, אַז ס׳טיילן ווייטע גרענעצן אונדז אָפּ
און אויך אַ קנויל אַזאַ אַן אייזערנער פון שינעס;
דאָך רייסט מיין פלאַמענדיקע ליבע זיך צו דיר,
ווי פון אַ פייער־באַרג עס ברעכט אַרויס לאַווינע.

איך גאַר, נאָך איינמאָל הערן זאָלסטו ווען מיין קול,
וואָס רופט צו דיר אין איינזאַם לויטערע מינוטן; —
דיין נאָמען טראָגט אַרום זיך אין גערויש פון ווינט,
לעבט ערגעץ טיף אין מיר, אין אַלע מיינע בלוטן.

נאָר בענקענדיק אַזוי, די יאָרן קלעבן צו,
ווי פלאַסטערס — קנייטשן אויף מיין שטערן אויסגעמאַטערט;
די הענט, זיי ווילן רו. נאָר מיין נשמה ליגט
ווי אַ געפאַנגענער פאַרפייניקט הינטער קראַטן.

איז וואָלט נישט בעסער דען געווען פאַר מיר אַזוי,
כאָטש איינמאָל כ׳זאָל אין וועלט אַריין אַזאַ געשריי־טון? —
אַז ווי אַ ציטער זאָל אַדורכלויפן אין דיר
מיין שטילע פרייד, וואָס הויבט זיך אויף אין מיר ביז ווייטיק.

איך ווייס, אַז ס׳טיילן ווייטע גרענעצן אונדז אָפּ
און אויך אַ קנויל אַזאַ אַן אייזערנער פון שינעס;
דאָך רייסט מיין פלאַמענדיקע ליבע זיך צו דיר,
ווי פון אַ פייער־באַרג עס ברעכט אַרויס לאַווינע.

אַנטווערפּן, 1937

אַנטוישונג

און אפשר וועל איך האָבן זיך אין דיר אַזוי אַנטוישט,
ווי כ'האָב זיך שוין אַנטוישט ביז היינט אין אַלע מיינע יאָר; —
מיין לעבן קאָן איך נישט אַ וואָרף־טון וועמען פאַר די פיס,
ווייל קיינער דאַרף עס נישט צו האָבן.

מיין גלויבן אין דער גוטסקייט, וואָס עס דרעמלט נאָך אין דיר,
גייט אויס, פונקט ווי דער רויך, וואָס הויבט זיך פון מיין ליולקע אויף;
וועסט איינע זיין פון די, וואָס זענען ווי אַ בליץ פאַרביי,
נאָר נישט קיין פייער אָנגעצונדן.

און כאָטש איך ווייס גענוי, אַז אָט אַזוי וועט טאַקע זיין,
דאָך בעט איך אין די נעכט, אַז ס'זאָל דער שטורעם מיין געמיט
מיט אַ געהייל נישט איבערברעכן, ווי אַ געשריי פון וועלף
אין פינצטערע, געדיכטע וועלדער...

כ'וועל סיי־ווי שוין אַדורכגיין אַזאַ באָרוועסער מיין וועג,
צעוווּנדיקט און אַן אויסגעפייניקטער אין בלוט און שטויב;
טאָ זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן פון דער האָפענונג
דאָס קלאָרע ליכט אין מיינע אויגן.

נישט איך, נישט דו, מיר וועלן צו דער טיפקייט פון דער וועלט,
אַט יענע שווערע טיר די אייזערנע נישט עפענען; — —
די ווערעם אין דער ערד זיי וועלן אויך נישט האָבן לאַנג
צו זעטן זיך מיט מיין געדעכעניש...

פון אַלע פאַרבן בלייבט נאָר אייביק בלויז די שוואַרצע פאַרב,
פון אַלע פאָנען בלייבט נאָר אייביק בלויז די שוואַרצע פאָן, —
ווי כ'האָב זיך שוין אַנטוישט ביז היינט אין אַלע מיינע יאָר,
כ'וועל זיך אַנטוישן אין דיין גוטסקייט...

אַנטווערפּן, 16־טער מאַי, 1937

געשריי אין דער נאַכט

ווי אַ שאָטן געגאַנגען בין איך דורך דער נאַכט,
מיט צעבלוטיקטע פיס — אויף די וועגן צו וועלט, —
האָט אַ פינצטער געשפּענסט אין מיין פּנים געלאַכט,
און דעם אָנקום פון לויטערן טאָג־ליכט פאַרשטעלט.

ס'האָט מיין אָטעם דערפילט אָט דעם ריח פון מת,
פאַר די אויגן — אַ תליה צעוויגטע אין ווינט, —
מיין געשריי דאָס דערשטיקטע, ווי ס'וואָלט דורך אַ נס,
זיך געריסן אַליין צו די וייטקייטן בלינד.

ווען אַ לעבן ברעכט איין און צעפּאַלט אַזוי גיך
און ס'צעווייינט זיך אַ קול: „מען גייט אויס! מען גייט אויס!" —
ווער דען עמעץ דעם גוסס אַ כאַפּ טון אויף זיך,
ווי אַ קינד, וואָס מען טראָגט פון אַ ברענענדיק הויז? — —

אַנטווערפּן, 1938

וווהין זאָל מען גיין?...

צי קאָן איך געטרייסט זיין, אַז כ׳בין נישט אַליין,
אַז ס׳זענען מיט מיר נאָך דאָ זיבצען מיליאָן? —
פון פרעמד — נישט אַרויס, אין דער היים — נישט אַריין.
אַז ס׳שטייען און פרעגן זיך זיבצען מיליאָן:
— וווהין זאָל מען גיין? אָ, וווהין זאָל מען גיין?

דורך פיין און דורך שפּאָט און דורך בלוט און דורך בראַנד,
עס רייסן צום לעבן זיך זיבצען מיליאָן, —
מיט אמת אין האַרצן, מיט גורל אין האַנט...
— אָ, ערד, דו וועסט שפּייזן נאָך זיבצען מיליאָן,
וואָס זוכן — אין בענקשאַפט נאָך אָפּרו — אַ לאַנד...

אַנטווערפּן, 4־טער אַפּריל, 1938

מעוועס אין ווינט

און איבער מויל פון אָפּגרונט, נידעריק און העכער,
אַ מחנה ווייסע מעוועס פלאַטערן אין ווינט, —
ווי ערב אַ געפאַר, די אָנזאָגער פון שטורעם,
ווען ים צעכעסט זיך און צעברוגזט זיך און ברומט,

גייט אָפּ אַ שיף פון ברעג. — ווי נאָענטסטע באַגלייטער
אַ מחנה ווייסע מעוועס פלאַטערן אין ווינט, — —
עס שטרעקן הענט זיך אויס פון טאַטעס און פון מאַמעס,
מיט בענקשאַפט־צער אין בליק ס׳געזעגנט זיך אַ קינד.

זיי שטייען נע־ונדע אויפן דעק און זעען:
אַ מחנה ווייסע מעוועס פלאַטערן אין ווינט, — —
ביי וועמען ציטערט־אויף דאָס האַרץ אין בייזן אומרו
און וועמענס ליפן מורמלען אַ געבעט אַצינד...

אַז ס׳ברעכט אַ שיף זיך איין אין קווילן רויך און פייער, —
אַ מחנה ווייסע מעוועס פלאַטערן אין ווינט; —
עס פרעסן כוואַליעס אויף פאַרצווייפלטע געשרייען,
וואָס שניידן זיך אין נאַכט אַריין, אימהדיק און בלינד...

אַנטווערפן, 1938

יידן אויף דער לאַנגער קיוויט

1

חומשים און מחזורים און אויך ציצית כשרע און תפילין,
ביי יעדן מוכר־ספרימניק — דאָס רומל אין דער פענצטער־שויב;
און מידע פליגן קריכן פון אַ קאָפּל אויף אַ שיחת־חולין
און שמייכלען צו דער זון אַרויף אין וואַרעמקייט פון גראָען שטויב.

די לאַנגע קיוויט — אויסגעצויגן, ווי אַ בחורל ביי חסידים,
וואָס לעבט אַ גאַנצע וואָך פון „טעג" און שבת — אויסגעפּוצט און זאַט; —
מען דאַוונט אין די שטיבלעך און מען הערט אויס דרשות פון מגידים,
מען קריגט זיך פאַר אַ „מפטיר" און צוליב אַ שוחט און עטאַט.

נאָר יונגען, אין די בלויזע קעפּ, זיי זיצן אין די פּראָפּפּאַריינען
און רייטן פליבק אויף וועלאָס אין דער שטאָט — ווי עמעצן ס'געפעלט;
איז שטיל פאַרגאַפטע און פאַרחידושטע, די הייזער — ווי זקנים —
זיי קאָנען נישט פאַרשטיין: אָט עפּעס גאָר אַזאַ פאַרקערטע וועלט...

און יידן אַזש פון אונגאַרן, רומעניע, ליטע און פון פוילן,
זיי האָבן זיך אַזוי אַריינגעפּרעסט ווי הערינג אין אַ פאַס; —
נאָר היימיש איז, מען קאָן זיך תמיד אַלע מעשיות דאָ דערציילן. — — — —
בלויז יום־טוב — אַזאַ אויסגערוטע ליגט די לאַנגע קיוויט גאַס.

אַנטווערפּן, 1938

2

רביים אַלט און יונג, מיט בערד געדיכטע, בערד — ווי פּלעדערווישן,
מיט ברייטע קאַפּעליאַטשן, ברייטע זשופּיצעס און ברייט — די טריט;
אַהערגעלאָזט זיך ווי די קראָען צו אַ קרבן נאָך אַ פרישן
און צוגעכאַפּט זיך גיריק צו דעם „מאָלצייט" מיט אַן אַפּעטיט.

ווער פאַר ישיבה, ווער פאַר תלמוד־תורה און ווער סתם געקומען,
נאָר ס'האָט כלי־קודש פון דער לאַנגער קיוויט גאָרנישט אָנגעגרייט; — —
אַ פּראָסטער ייד — אַ גביר, ער האָט אויף זיך די מצווה שוין גענומען
און יום־טובדיקע טישטוכער אויף טישן רחבותדיק צעשפּרייט.

רביימלעך פּאַראָרעמטע, וואָס חלומען אַלץ פון אַ פּדיון
און הויבן אויף די בליקן, ווי די צדקה־פּושקעלעך פון בלעך; —
— אוי, קירה, קירה, אַזאַ גאָלדן מלכות, נאָר געהערט אַן ענין?
אַז ס'איז דער רצון פון באַשעפער, וואָס קאָן זאָגן עך?

און פּונקט ווי שוואָמען, וואַקסן שטיבלעך אויס — פון גער, פון סאַנדז,
פון באַבאוו,
נאָר אַזאַ פאַרשייטע זון דאָ — שמייכלט חוזקדיק און לאַכט! — —
פון ערגעץ פליען פּלוצים אָן אַ מחנה הונגעריקע ראָבן
און שטעלן זיך אויף שוואַרצע קאַפּעליאַטשן — שוואַרצער ווי די נאַכט...

אַנטווערפּן, 1938

יידן אויף דער פעליקאַן

אַז ס'האָט די בייזע נויט פאַרטריבן און געזאָגט: „ווערט עמיגראַנטן!"
מיט וואַנדער־שטאָק אין האַנט, אין ווייטקייטן אַוועק, צעזייט־צעשפּרייט;
מיט שטילער האָפענונג געלאָזט זיך אין אַ לאַנד אַן אומבאַקאַנטן,
ווי נעפּלדיק עס איז אַמאָל די פרעמדע אַנענדיקע פרייד.

אַרויסגעקומען פון וואָקזאַל און זיך אַרומגעקוקט אומזיכער, —
פון אויבן, אויף דער בריק, האָט נאָך געסאָפּעט און גערויכט די באַן;
נו, האָבן יידן זיך אַזוי געטראַכט: „צו וואָס גיין ווייטער זוכן?
אַז גאָרנישט שלעכט איז טאַקע דאָ דערנעבן — אויף דער פעליקאַן..."

און אָנגעהויבן הייזער בויען, קראָמען עפענען, וואַרשטאַטן, —
זיך איינגעפונדעוועט און ליב באַקומען אָט די נייע היים;
האָט ערגעץ אין אַ פּויליש שטעטעלע געבענקט אַן אַלטער טאַטע
און באַלד זיך אויך אַליין געזעגנט מיטן כאַטקעלע פון ליים. — —

איז ווער קאָן ציילן וויפל דורות ס'זענען דאָ שוין אויפגעגאַנגען
און ווען עס האָט פאַרצערט די גאַס פון בלענדיקן דיאַמאַנט?
אָ, פעליקאַן, דו לעבסט אין גאָלד־רויש... הערסטו נאָך אַן אַנדער קלאַנג
ווען?
איך ווייס נישט — יאָ צי ניין. נאָר אין מיין ליד איך האָב דיך היינט
דערמאָנט.

אַנטווערפּן, 1938

מנחם-מענדל און טשאַרלי טשאַפּלין

מנחם־מענדל און אויך טשאַרלי טשאַפּלין זענען דאָ געשטאַנען,
דער ערשטער האָט פאַרקויפט, דער צווייטער — איינגעהאַנדלט און
באַצאָלט; —
און בײדע האָבן זיי געחלומט פון פאַרדינען אין מיליאָנען,
אויף פעליקאַן, וואָס רוישט אין פיבער פון בריליאַנטן און פון גאָלד.

אַ דריי־געטון האָט טשאַרלי טשאַפּלין מיט די שיך די אויסגעקרימטע,
מיט שטעקעלע דערלאַנגט אַ פּאַך, מיט מעלאָניקל — אַ גרוס,
מנחם־מענדל מיט זיין פּאַראַסאָל איז פלינק און לייכט און ווינטיק
אַוועק באַלד דעפּעשירן צו זיין שיינע־שיינדל — ווי עס איז...

און ביי אַ טיש — אפרים גריידיקער און הערשל אָסטראָפּאָליער,
געשיט מיט וויצן — פייגל פון דער בוזים־טאַש אַרויסגעלאָזט;
און אַלע דיאַמאַנטערן האָבן פאַר געלעכטער זיך געקאָלערט
און אין דער פאַרנער דעמפּיקייט פון האַלבן טאָג — געפרייכט, געבלאָזט.

נאָר אָנגעלאָפן איז מנחם־מענדל, ווי אַ פייל פון בויגן, —
אַריינגעפאַלן, בלייך ווי קרייד, געשריגן גאַרנישט מיט זיין קול:
— דאָס גאַנצע געלט, אוי ווי, מען האָט מיר אויפן וועג אַרויסגעצויגן,
געבליבן בין איך איצט, אָט ווי איר זעט, בלויז מיט מיין — פּאַראַסאָל!...

אַנטווערפּן, 1938

ביניש זילבערשטײן מיט יידישע שרײבער אין פּאַריז, 1937.
פון רעכטס אויף לינקס: בינעם העלער, אסתר קרײטמאַן, ביניש זילבערשטײן, י. פּאַפּיערניקאָוו, אהרן בעקערמאַן, בנימין שלעווין, משה שולשטײן, משה דלוזשנאָווסקי.

VI

כ׳באטראכט זיך אליין ווי א וואנדער

צי דאַרף איך דען זאָגן, כ׳בין אַנדערש?
קאָן זאָגן דער בוים: — „כ׳בין נישט בוים״?
אַפילו אין שטאָטישן טאָג־רויש,
מיין וואָר איז נישט מער ווי אַ טרוים.

איך ווייס, אַז כ׳האָב ליכט און כ׳האָב שאָטן,
ווייל ליכט קאָן אָן שאָטן נישט זיין, —
אויף פלאַש אינעם קעלער וואַקסט שימל,
דאָך פינקלט אין גלעזער דער וויין.

מיין גוטס איז דאָס ברויט פאַר מיין ברודער,
מיין שלעכטס — בלויז דער שטיין איז פאַר מיר;
אַליין אַ פאַרשעמטער, נאָר קיינער
פאַרשעמט בלייבט נישט נעבן מיין טיר.

אין אייביקן פיין און אין הונגער,
אויף וועג אין פאַרטאָגיקן בלאָ, — —
כ׳באַטראַכט זיך אַליין ווי אַ וואונדער,
אַז כ׳בין נאָך אַ לויטערער דאָ.

אַנטווערפּן, 1940

א מענטש גייט ארום אויף דער וועלט

אַ מענטש גייט אַרום אויף דער וועלט און ער זוכט —
ער זוכט פון זיין פלייסיקער אַרבעט די פרוכט:
אַ ברויט, אַ שטיק פלייש און אַ העמד און אַ שוך.

אַ מענטש גייט אַרום אויף דער וועלט און ער קלערט:
ווער האָט עס אַזוי מיט אַ שניידיקער שווערד
צעפייניקט דאָס נאַקעטע לייב פון דער ערד?

אַ מענטש גייט אַרום אויף דער וועלט און ער פרעגט:
— געשריי פון געוויסן עס מאָנט און עס וועקט
און אומעטום זעסטו נאָר בלוטיקן פלעק.

אַ מענטש גייט אַרום אויף דער וועלט און ער מיינט:
ס'וועט אויסלייזונג, אָט די דערוואַרטע, נישט זיין
פון אונדזערע מאַמעס דאָס שטילע געוויין.

אַ מענטש גייט אַרום אויף דער וועלט און ער זאָגט:
— מען שעכט און מען רויבט און מען ברענט און מען פּלאָגט,
נאָר קומען עס וועט נאָך פון משפט דער טאָג.

אַנטווערפּן, 23־טער יאַנואַר, 1940

אונטער וועמענס פאָן?

איך ווייס נישט אויב ס'וועט אַמאָל מיין וואָרט צו דיר דערגרייכן
דורך אָפּגעצוימטע גרענעצן פון פייער, שטאָל און שטיין?
אָ, אונטער וועמענס זיגער־פאָן געפינסטו היינט באַשיצונג?
צי גראָבסטו נישט דאָס פּנים אין די הענט איין, מיד פון פּיין? — —
און אפשר בלאָנדזשעסטו אַרום אין לאַנד פון אונדזער חורבן,
וווּ ס'איז די ערד פאַרגאַנגען זיך אין שטיל־דערשטיקט געוויין?

עס האָט די האַק פון וואָר צעשמעטערט גלעזערנע פּאַלאַצן,
וואָסביידע האָבן מיר זיי אין חלומות אויפגעבויט;
ווער וועט אַ טיר אונדז עפענען, אַרויס פון אָט דער נויט?
און אפשר בלאָנדזשעסטו אַרום אין לאַנד פון אונדזער חורבן,
וווּ ס'איז די ערד אַדורכגעזאַפּט מיט האַס, מיט מאָרד, מיט טויט? — —

אַנטווערפּן, 24־טער מערץ, 1940

איך האָב דאָס לעצטע וואָרט נאָך נישט געזאָגט

מיין האַרץ איז נישט אַנטשוויגן, כאָטש די ליפּן שווייגן, —
עס רוט דער ווינט אין לויטערן פאַרטאָג;
אין בראָך פון שטורעם, דו וועסט ערשט זיך איבערצייגן,
אַז כ'האָב דאָס לעצטע וואָרט נאָך נישט געזאָגט.

איך זע מיין לעבן אַ געהייליקטס אין יסורים —
די שענסטע פּערל, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט;
זון! זון! ס'וועט פרילינג־ערד זיך ווידער אַזאַ ריר טון, —
איך האָב דאָס לעצטע וואָרט נאָך נישט געזאָגט.

און ס'טרעפט, איך שטיי פאַר מיר אַליין, ווי פאַר אַ וווּנדער:
ווער וויסט פון אַזאַ פייער, וואָס איך טראָג? — — —
עך, ווי וועט זיין, ווען כ'וועל אַ שנייד־טון רויע גרונטן... — — —
איך האָב דאָס לעצטע וואָרט נאָך נישט געזאָגט.

אויב ס'וועט דער טויט נישט פרי פאַרשליסן מיינע אויגן,
צי מילד אַזוי, צי אפשר גאָר פאַרצאָגט? — — —
אַ בלענד־טון וועל איך מיטן ליכט פון רעגנבויגן, — — —
איך האָב דאָס לעצטע וואָרט נאָך נישט געזאָגט.

אַנטווערפּן, 1940

אין אַ בייזער שעה

פאַרוואָס ביסטו אַ האָרעפּאַשנער שוסטער נישט געוואָרן,
ווי מ'האָט אַמאָל צו דיר, אַ יונג אַ באָרוועסן, גערעדט? —
נאָר טראָגסט אַרום זיך מיט אַ לויטער האַרץ אויף די יאַרידים, — — —
אויך אַ מלאכה מיר — צו זיין אַ יידישער פּאָעט.

אָ, יאָ, מען דאַרף די גראַמען דיינע, ווי מען דאַרף אַ הויקער,
ווי ציין־ווייטיק מען דאַרף צו האָבן אין אַ בייזער שעה; —
געוויסן הײנט? — אַ שפּאָר־ביכל פאַר ווערטלאָזע מטבעות,
פון אַזאַ קיניגרייך, וואָס איז אויף מאַפּע מער נישטאָ.

איז ליבערשט וואָלסטו פעל פון פערד געפּגרטע געשונדן,
אויב קאָנסט נישט טרעטן אויף דעם לעבן, ווי אויף קאַלטן מת, — — —
דו זעסט, עס איז די וועלט אַזאַ צעפּרעסענע פון ווערעם,
גראָב אויך זיך איין פונקט ווי אַ וואָרעם אין דער ערד און פרעס!

שלאָג זיך על־חטא. צי זענען נישט גערעכט געווען די אַלע,
וואָס האָבן דיך געוואָרנט, ווערסט קיין לייט נישט זיין, — נאָך פריר;
דו האַנדלסט מיט לבנה און דו זאַמלסט אויף חלומות, — —
נו, פרעג איך דיך, וווּ איז דיין שכל? — אָך־און־וויי צו דיר!...

אַנטווערפּן, 1940

אייראָפּע

1

אייראָפּע ברענט. איך בין אין מיט פון ברענענדיקן פייער.
עס זענען טירן צו דער וועלט פאַרהעמערט און פאַרשלאָסן. —
איך שטרעק די הענט אויס צו אַן אומגעזעענעם באַפרייער,
נאָר אַ געבילעריי פון הינט מיר ענטפערט אָפּ פון דרויסן.

מיך אויסגעריסן האָט אַ שטורעם און פאַרשליידערט הפקר,
פאַרטראָגן אין אַ טריקעניש, ווו ס'גרייכן נאָך די פלאַמען! —
עס וועט קיין פרישע זריעה דאָ אין ערדן מער נישט אויפגיין,
ווי אַן עמבריאָן אַזאַ דערשטיקט אין טראַכט פון מאַמען.

2

אייראָפּע ליגט אין בלוט, ווי אַ בהמה אינעם שעכט־הויז,
ווער וועט העלפן דער פגירה אין מינוטן פון דער גסיסה? —
וואָס וואָלט געשאַדט, ווען אַזאַ פינצטערע מגפה ברעכט אויס,
אַז יעדן איינעמס לעבן זאָל זיך וואַלגערן אין מיסטן? — —

אַז איך גיי אָפּ אין בלוט — איז וואָס? צי קאָן עס וועמען אַרן?
צי אַרט וועמען דער גרויל פון מיינע ברידער, מיינע שוועסטער? —
אייראָפּע, האָסט פאַר זיך אַליין די האַק געשאַרפט, געשליפן,
פאַר האַלדז פאַר אייגענעם געשאַרפט האָסטו אַליין דאָס מעסער.

אַנטווערפּן, 1940

געוועזן און אַוועק און נישטאָ...

געוועזן און אַוועק און נישטאָ,
ביי מיר אין זכרון ביסט ווידער;
געוועזן אַזאַ ליכטיקע שעה,
דאָס ליכטיקסטע ליד מיינס פון לידער.

איך האָב דיך באַטראַכט ווי אַ נס,
און כ׳האָב ווי אַ נס דיך באַוואונדערט; —
אַ טויב האָט פאַרבלאָנדזשעט פון נעסט,
פאַרפלאָנטערט די פליגל אין ווינטן.

איך עפן די אויגן. — ס׳איז וואָר?
איך האַלט אין די הענט מיינס אַ חלום?
און ס׳רייסט זיך פון האַרצן אַ וואָרט,
אַ מעכטיקס, אַ שניידיקס, אַ שטאָלנס.

אָ, גאָט, אויב ס׳איז דאָ אַזאַ פרייד,
נאָך שטאַרקער פון גליאיקן פייער; —
געלעגן עס איז אין די רייד,
וואָס האָבן געפלאַטערט צו פרייהייט.

אין ביטערע טעג און אין נעכט,
וואָס פּרעסן מיין לייב ווי די קראָען, —
איך זע דיך פֿאַר מיר אַזוי עכט,
אין קליידער אין דורכזיכטיק־בלאָע.

פֿאַר מיר ווערסט קיין וויזיע נישט זיין,
ווייל כ׳טראָג דיך אין מיינע געבליטן, —
דו ביסט אָט דאָס שיכּרותדיק וויין,
אין שטורמישע, ווילדע מינוטן.

וואָס קאָן איך דען איצטער אַזוי
דיר זאָגן אין שורות אין שמאָלע? — —
אָ, פרוי פון מיין בענקשאַפט, אָ, פרוי,
דו ווער נישט פֿאַר מיר ווי אַ קללה.

געווען און אַוועק און נישטאָ,
ביי מיר אין זכרון ביסט ווידער;
געווען אַזאַ ליכטיקע שעה,
דאָס ליכטיקסטע ליד מיינס פון לידער.

אַנטווערפּן, 1940

פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי

אַ בייזער ווינט האָט זיך אַ הויב געטון פון רוסלאַנדס ערד
און מיט אַ ווילדן שטורעם איבער ברייטער וועלט זיך דורכגעטראָגן,
און רוסלאַנדס גייסט האָט מען דערזען, זיין קול האָט מען דערהערט, —
ווי עמעץ וואָלט מיט שאַרפער און פאַרבלוטיקט־רויטער שווערד
אַריינגעשניטן זיך אין נאַכט, זיך איינגעביסן אין פאַרטאָגן.

ווער האָט פון אָנקלאָג, ווי אַ פייל, אַ וואָרף געטון זיין וואָרט ?
ווער איז עס אָט דער מסורניק ? ווער איז דער שטראָפער און דער מאָנער ? —
דער מענטש מיט אויגן פינצטערע און מיט אַ פינצטערער באָרד,
וואָס גייט דורך קעלערן פון אימה און אויף טרעפּ — צו מאָרד ;
און איבער קאָפּ זיינעם ס׳גערויש, ווי ס׳פלאַטערן פון טויטן־פאָנען.

מיט גוף צעבראָכענעם, — נאָך קאָרטן־שפּילן און נאָך וויין,
דו צערטלסט די יסורים פון ראַסקאָלניקאָוון און אַליאָשען,
פון די דערנידעריקטע און באַליידיקטע אין פּיין,
פון מאַרמעלאַדאָוון, דו איינער, הערסט דאָס שטיל געוויין, —
דאָס לעבן, אָ, אַזאַ גיהנום, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן.

פאַרשיכורט... — אָט עליה... אָט תהום... דאָך פעסט דער טראָט.
און פונקט ווי ווייסער שטאָל, ס'איז דיין געדאַנק געבליבן קלאָר און ניכטער;
באַשיצט, ווי מיט אַ פּאַנצער, ס'האָבן דיין נשמה — צען געבאָט — — —
און אומגעריכט האָסטו אַזאַ געשריי געטון צו גאָט,
געשריי דורך אַלע וועלטן: — „דאָס געוויסן איז דער העכסטער ריכטער!"

געשמידט אין אייגענעם גורל, ווי געשמידטע דיינע הענט,
ביסט אויפגעגאַנגען אינעם ליכט פון דער קבלה און פון מיסטיק;
פאַרמשפּטער, געוואַרט אויף תליון, צווישן תפיסה־ווענט,
צו אַ משיח־אויסלייזער די אויגן ווייט געווענדט,
אַרויסגעפּליסטערט האָסטו דיינע לעצטע רייד צו יעזוס קריסטוס.

פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי, איך באַזינג דיך אין מיין ליד.
ווער נאָך, ווי דו, האָט אָנגעזאַמלט פּערל אָט אַזאַ עשירות? — —
האָסט ליידן פון געפּייניקטע פאַר דורות אָפּגעהיט;
בלויז מיך האָסט נישט געזען. און מיך האָסטו געהאַסט — דעם ייד.
פון העכסטע הויכקייטן, פון טיפסטע טיפן, אָ, דו מענטש פון סתירות!...

אַנטווערפּן, 2־טער יולי, 1940

איך זע דיין נאָמען און איך הער דיין קול

אָ, גלויב מיר, אַז עס איז נישט סתם אַ ליד אַזוי,
אַ ליד, ווי אַלע לידער צו אַ פרוי,
וואָס ס׳זינגען דיכטער ביי לבנה־ליכט.
ווען איך זאָל קאָנען אויסטרינקען דעם ווייך,
וואָס טריפט ביי דיר אין בלוט
און מאַכט מיך וואַנזין־שיכור און
פאַרהילט די אויגן מיינע אין פאַרנעפּלטן פיאָלעט. — —
ס׳איז גוט אַזוי,
וואָס כ׳זינג נישט אויס אַ ליד,
ווי אַלע לידער צו אַ פרוי,
נאָר כ׳רעד מיט אַזאַ פּראָסטער שפּראַך,
אָן פאַרבן־גלאַנץ און גרוי,
ווי ס׳רעדט אַ יונג פון גאַס.
צי איז עס נישט אַ וואָרט,
וואָס קריצט זיך איין ביי דיר אין לייב,
אין דעם צעפּיבערטן פון אָנענדיקער פרייד ?
און כאָטש דו ביסט, ווי אונטער זון, אַ רייפע בלום,
פאַר מיר — אַ קנאָספּ
אין אויפבלי פון אַפּריל.
איך זע דיך, ווי אַמאָל,
מיט צעפּ פאַרוואָרפענע אויף ווייסן האַלדז,
ווי שלאַנגען ציטערדיק און ווייך.
— — — — — — — — —

זיי מוחל מיר, דיין קנעכט,
וואָס קושט די ליפּן דיינע אין די נעכט
און בענטשט דעם נאָמען דיינעם יעדן טאָג,
און הערט דיין קול אין פלאַטער פונעם ווינט,
אין וואָרקען פון דער טויב,
אין שטאָטישן גערויש פון אייזן און בעטאָן,
אין הודזשעריי פון דער מאַשין, — —
אָ, אומעטום ווו ס'פאַלט מיין בליק
איך זע דיין נאָמען און איך הער דיין קול.

איך האָב געלאָזן הינטער זיך אַזויפיל בייזע טעג
און האָב געלאַנדעט דאָ, ווי פון אַ ברענענדיקער שיף,
מיט מיין צעפּייניקט נאַקעט לעבן בלויז
און כ'ווייס נישט וועלכע ברענענדיקע שיף,
וועט מאָרגן ווייטער פירן מיך און וואַהין, — —
און דו,
וואָס צאַרט ביסטו ווי'אַ פאַרליבטע, אין דער שעה פון דעמערונג,
און ווילד אַזוי,
ווי ס'איז אַ וואָלפין אין פאַרצערנדיקן פייער פון דער זינד, —
און טיילמאָל גאָר אַזוי תמימותדיק און לויטער ווי אַ קינד,
און הייליק ווי אַ כלה־מיידל פאַר דער חופה — אין געוויין...
מיט מיר דו טיילסט זיך מיט חלומות דיינע און מיט וואָר,
ווי הונגעריקע טיילן איין זיך מיט אַ רעפטל ברויט, — —
זאָל זיין געלויבט דיין קומען און דיין זיין.
עד, פרוי,
ווען איך זאָל קאָנען אויסטרינקען דעם ווין,
וואָס טריפט ביי דיר אין בלוט.

אַנטווערפּן, 27־טער אַפּריל, 1940

אין דיינע הענט איך טרוי מיינע חלומות

דו איינער לייענסט אַראָפּ מיר פון מיין פּנים,
צי טראָג איך פרייד אין האַרץ, צי טראָג איך צאָרן, —
אָט ערשט געהערט דיך אָנרופן מיין נאָמען,
און שוין — ווי וואָלסט געקאָנט מיך לאַנגע יאָרן.

צו דיר אין בענקשאַפט רייסט זיך מיין נשמה
און בלייבט אין דין־דורכזיכטיקע וואַלן;
און שטילן כ'וויל דעם דורשט פון מיינע ליפּן
ביי וואַסער לויטערן פון קילע קוואַלן.

דו גראָבסט זיך איין אין טיף פון מיינע סודות,
ווי ס'נידערט טויכער אויפן גרונט פון ימען;
און פאַנגסט אין נעצן מיינע שענסטע פּערל,
ווי פּערל, וואָס אין ים זענען פאַראַנען.

דו ביסט פון גאָט באַשאָנקען מיט מתנה:
קאָנסט פּיין אין אַ נצחון איבערווינדן —
אַרויסצוקומען ווידער פונעם פייער
און דרייסט צו שניידן זיך אַנטקעגן ווינטן.

איז תמיד פרילינגדיק צו דיר מיין גלויבן,
ווען ווייט זיין זאָלסט אַפילו טויזנט מיילן;
אין דיינע הענט איך טרוי מיינע חלומות,
וואָס טייער זענען זיי ביי מיר און הייליק.

אַנטווערפּן, 9־טער יולי, 1940

מיין פרייד — אַ תפילה איז צו גאָט

אין ווילדן ווילן האָט מיין האַרץ זיך איינגעעקשנט —
איך מוז דיך זען! איך מוז דיך זען! איך מוז דיך זען!
פון לעבן מיינס אַ האַלבס וואָלט איך איצט אָפּגעגעבן,
צי וועט אַזאַ מין וונדער טאַקע דען געשען?

ס'איז מעכטיק אויפגעגאַנגען טיף אין מיר די ליבשאַפט
און ווי אַ שטורעם־ווינט געטריבט אין מיר מיין רו; —
אָ, דו ביסט אומעטום און וווּ איך ווענד מיין בליק נאָר,
ווען איך בין וואַך און ווען איך שליס די אויגן צו.

און דו ביסט ווידער, דו ביסט ווידער, דו ביסט ווידער!
אין העלער וואָר איך הער שוין אין דער נאָענט דיין טראָט; — —
מיין פרייד — פון אַלע בלוטן מיינע אַזאַ הימן.
מיין פרייד — פון דאַנקבאַרקייט אַ תפילה איז צו גאָט.

און צו די ביימער, צו די בלומען, צו די פייגל,
איך פליסטער: — פרייט איך, פרייט איך אַלע מיט מיר מיט —
ווי שיין איז אַלץ אַרום, ווי זוניק און ווי לויטער,
אין מיין נשמה האָט דער פרילינג זיך צעבליט.

נאָר ווי עס האָט זיך פּלוצים אַלץ אַזוי פאַרענדערט —
צי נאַרט נישט, ווי אין פיבער, איצט מיך מיין געדאַנק ? —
דיין בליק אַ שטומער און דיין האַנט־דרוק אַזאַ קאַלטער,
און פרעמד געוואָרן איז אויך פון דיין קול דער קלאַנג.

אומהיימלעך ביסטו און אומהיימלעך דיין דערציילונג,
אין ליידן דיינע — פינצטער, מוראדיק און האַרט ; — —
און איך האָב נישט געוווּסט, געצערטלט כ'האָב מיין גלויבן,
און וואַנזיניק פון בענקשאַפט כ'האָב אויף דיר געוואַרט.

און איך האָב תמיד דיך גערופן, דיך גערופן,
אין די פרימאָרגנס און אין אָוונטן, פאַרקלערט, —
מיין חלום גילדערנעם, וואָס איך האָב אויסגעכישופט,
ווי אַ פאַרוויסטן פּאַלאַץ האָסטו אים צעשטערט.

אַנטווערפּן, 10־טער יולי, 1940

אָ, ברידער מײַנע!

איך גיי אויף די וועגן די שמאָלע,
און איר, אויף די וועגן די ברייטע;
ווען כ׳וועל נאָר אַמאָל אייך באַגעגנען,
וועל איך זיך מיט אייך אַזאַ פריי־טון.
צי ווייסט איר פון מיינע יסורים,
איר ברידער, אָ, מיינע, אין ווייטן? —
דאָך, ווען איך זאָל קאָנען פון דאַנען
כאָטש איין וואָרט צו אייך אַ געשריי־טון.

איין וואָרט און איר זאָלט עס דערהערן,
ווי ס׳וואָלט עס דערהערט שוין מיין מאַמע;
איין וואָרט, וואָס זאָל גליען, אַזוי ווי
צעצונדענע פונק־טעלעגראַמע.
און אפשר כ׳וועל מוזן זיך ראַנגלען
ווי אַ שיף, וואָס זינקט איין אינעם ים, — און
דאָ אויסגיין אין פיין, ווי ס׳פאַרגייען
פון הייליקן פייער די פלאַמען?...

דאָך ברידער איר מיינע, אָ, ברידער,
פון מי און פון אַרבעט און בויען, —
די הענט אויסגעשטרעקט, אָט די בלייכע
צו אייך כ׳האָב אין הייסן פאַרטרויען.
ווי כ׳בענק נאָך דעם טאָג ווען כ׳וועל קאָנען
אייך מיטהעלפן אַקערן, זייען, —
און פרייען זיך אויף אונדזער יום־טוב
דאָרט אונטער אַ הימל אַ בלויען...

אַנטווערפּן, 25־טער פעברואַר, 1941

יוסף באָוושאָווער

1

פון רוי־ערד טיפער אַ צעפּייניקטער, פאַרהונגערט,
פון קעלער־פינצטערניש, ווי גאָרע פאַר אַ הונט,
האָב איך, אַ יונג אַ נאַקעט־באָרוועסער, אינדרויסן,
געחברט איינזאַם זיך מיט הפקרדיקן ווינט.

און פּלוצים כ׳האָב דערפילט ווי ערגעץ אין מיין מוח
עס האָט אַ ליכטיקייט אַ ווייסע אויפגעהעלט, —
און ס׳האָט דאָס בלוט מיינס אין די אָדערן פאַרנומען
אַ מין געזאַנג אַזאַ, אַ מעכטיקס פון דער וועלט.

עס האָט געברויזט אין מיר, ווי אויפן ים אַ שטורעם,
וואָס האָט דען אַזאַ וואַנדער־יונג געקאָנט פאַרשטיין? —
אַ ליד פון פרייד, אַ ליד פון קאַמף און פון געוויטער
האָט אויפגעציטערט לויטער ביז אין מיין געביין.

דיין מאָנונג און דערמאָנונג, ווי אַ פאָן אַ רויטע,
אַ פלאַטער פאַרן פּנים האָט עס מיר געטון, —
און ווי אין זומער, אינעם אָנגעגליטן זומער
עס האָט אַ ברי־געטון מיר ס׳פייער פון דער זון.

אָ, יוסף באָוושאָווער, בונטאַר דו נישט־געצוימטער,
אָ, דיכטער פון המון, דו אָנצינדער פון טאָל; —
איך בויג מיין קאָפּ פאַר דיר, ווייל ס׳האָט דיין גייסט געגעבן
מיין פּשוט וואָרט, דעם קלאַנג פון אייזן און פון שטאָל.

2

ווען ס'ברומט דער לייב פֿאַלט אָן אַן אימה אויף דער דזשונגל,
האַלט־איין דער וואַלד דעם אָטעם — פֿון דער ווייט און נאָענט;
ווען ס'ביילט זיין פויסט דער רעוואָלוציאָנער אין שנאה
דאַן דראָט מיט אויפשטאַנד און מיט שרפה און מיט בונט.

דער שטרענגער „שאף"־באָס האָט דיין קללה נישט פֿאַרשטאַנען,
און נישט געהערט דאָס קריצן אויך פֿון דיינע ציין, —
נאָר דיך פֿאַרשטאַנען האָבן יענע אויסגעבליכטע
איינגעזונקענע און קראַנקע לעבנס אין פֿאַרגיין.

עס האָט דיין רוף דער הילכיקער זיך דורכגעטראָגן
איבער וואַרשטאַטן ביז צו רויכיקער פֿאַבריק; —
עס האָט דער שקלאַף דערוואַכט און אויסגעגלייכט זיין רוקן,
פֿון זיינע הענט אַראָפּגעריסן ר'האָט די שטריק.

און אָט אַזוי אין דעם גערויש פֿון די מאַשינען,
דיין קול האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין דער מיט
און שאַרף און בלענדיק־ווייס — אַן אָנגעשליפֿן מעסער —
אַ שנייד־געטון ס'האָט איבער אַלעמענס געמיט.

ווער ס'האָט דעם קאָפּ אין ווילדער שרעק אַראָפּגעבויגן,
ווער ס'איז אַ שטראַלנדיקער גראָד געבליבן שטיין, —
— איר פֿאַריער מידע און דערשלאָגענע, ער, לאָמיר
מיט דרייסטן טראָט דעם מאָרגנרויט אַנטקעגנגיין!

3

ווען ס'האָט דיין חבר זיך געליבט אונטער לבנה,
געשפּילט זיך אַ פאַרחלומטער מיט מיידל־צעפּ,
האָסטו געזאָגט מיט פּראָסטע רייד, אַז באַריקאַדן
צום פּאַלאַץ פון דער צוקונפט זענען נאָר די טרעפּ.

ווען ס'האָט דיין חבר אינעם יאוש, און אין ספקות,
געגראָבן שוואַרצע ווערעם פון צעפוילטער ערד;
האָסטו, אַ שטאָלצער און אַ מוטיקער געיובלט:
„דעם אַרבעטסמאַן אַ פרייע וועלט איז נאָך באַשערט!"

און ס'האָט דאַן דער בעל־גוף, פּיליסטער פּליכעוואַטער,
מיט פעטן גוידער און דריי־האָרעדיקער ברעם,
אַ וואָרטש געטון זיך סתם: „עט, הוילע באָבע־מעשיות,
פון ליידיקגייער, אָפּגעריסענעם באָהעם."

איז אָנגעקומען אַ צעכוואַליעטער אָקטאָבער,
פון אויסגעבענקטן טרוים — געוואָרן איז אַ וואָר;
און איבער אַלע ווינטן, שנייען, זאַוויערוכעס,
איז רייף געוואָרן אַזאַ זאַט און שפּע־יאָר.

פון דעמאָלט אָן — עס זענען האַרבסטן גרין און גאָלדיק,
פון דעמאָלט אָן — איז צייטיק אויפן פעלד דער שניט;
פון דעמאָלט אָן — עס בויען זיך בעטאָנע בלאָקן,
פון דעמאָלט אָן — איז דאָ אַ וואַרעם אויג, וואָס היט.

4

אָ, ברודער דו, וואָס האָסט דאָס פייער פון די הימלען
ווי פּראָמעטיי אַמאָל, אַראָפּברענגען געוואָלט ;
אויף שפּיץ פון פעלדז געקלעטערט און אין פּיין געבלוטיקט,
דאָך שעה פון אויסלייזונג אונדז וווּנדערלעך געמאָלט.

עס איז אַ דור אַוועק, אַ דור איז אויפגעגאַנגען,
דו לעבסט אין האַרץ פון פאָלק, אין יעדערן פון זיי ;
פון וואָלגע ביז אמור — אין לענג און ברייט צעפלאַקערט
האָט זיך דאָס פייער הייליקע פון פּראָמעטיי.

נישט בלויז דער שקלאַף פאַרקנעכטעטער דערמאָנט דיין נאָמען,
אין דער געשיכטע — צווישן אָט די בעסטע זין,
נאָר יונגען פריילעכע, געזונטע אין זאַוואָדן,
ביי אַקערס, טראַקטאָרס, ביי דער ביקס און ביי מאַשין.

דו האָסט געגלויבט פאַרעקשנט אַזאַ ליכטיק גלויבן,
ווי ס׳גלויבט דער שיפער זיך דערנענטערן צום שטראַנד ; —
דיין גורל — איבער האַלדז פון קרבן בלאַנקער חלף,
אין לאַנד פון רויב, אין לאַנד פון מאָרד, און שאַנד...

און כ׳טראַכט, אָ, יוסף באָוושאָווער, ווען דו וואָלסט ווידער
היינט אויפגעשטאַנען פון דיין קבר און געהערט,
ווי וואָלט אויפסניי זיך פריידיק אַלץ אין דיר צעזונגען
איבער דעם יום־טוב אויף אַ זעקסטל פון דער ערד.

אַנטווערפּן, 12־טער פעברואַר, 1941

ווייסער צווײַט

אויף יעדנס פעלדער האָבן גראָזן לאַנג געוועלקט שוין,
און אויף מיין פעלד איז נאָך דער טוי פון פריען פרילינג, —
אין יעדנס גאָרטן —ביימער לײדיק און פאַרוויאַנעט,
אין גאָרטן מיינעם הערט זיך נאָך דעם פויגלס טרילן.

ווער ס׳זיצט ביי טייכן אבלדיק געבויגן
און ס׳טרערן האַרבסטיק זיינע מידע אויגן, —
איך זיץ ביי וואַסערן, וואָס פריידיק קוועלן,
אין זון־אויפגאַנג, אין מאָרגן אינעם העלן.

ווער ס׳איז פאָרויס געלאָפן און דערגרייכט דער ערשטער
צום ציל פון בענקשאַפטן, איצט שטייט אַן אָפּגעטאַרטער;
געגאַנגען בין איך מיר מיט טריט מיט לאַנגזאַם־שטילע
און בין נאָך אַלץ אַזוי אין ליכטיקן דערוואַרטן.

ווער ס׳האָט זיין האַרץ אין אומרו אויסגעזונגען,
זיין אימפּעט — אויסגעלאָשן, קאַלטע פונקען; —
מיין וואָרט אַלץ הייסער ווערט און אָנגעגליטער,
ווי האַרטער שטאָל, אין פייער אויסגעשמידטן.

און גליקלעך בין איך, וואָס איך ווייס וווהין צו וועלן,
און מיינע פיס צעבלוטיקט שפּרייזן איבער שטיינער;
איז וואָס — דורך הונגער און דורך אימה און דורך גרוילן?
אַז קומען מוז די שעה פון הערלעכער באַלוינונג!

כ'בין נאָך נישט אַלע שטורעמס בייגעקומען?
פון ווינט דאָס וואָיען און פון ים דאָס ברומען? —
כ'וועל גיין, להכעיס יעדערן געוויטער, — —
אָ, זע, אין מיינע האָר שוין ווייסער צווייט איז!

אַנטווערפּן, 26־טער פעברואַר, 1941

איך זע דיך, וועלט, אַזוי...

כ'האָב היינט אַליין פאַרברענט די אותיות פון מיין ליד,
און נאָכדעם רואיק אָנגערויכערט כ'האָב מיין ליולקע;
פאַרטראַכט זיך פלוצים מיט אַן אומעטיק געמיט, —
איז וואָס, ווען ווידער מיטן וואָרט כ'וועל זיך אַ שפּיל־טון?

נישטאָ אַזאַ געזאַנג, וואָס זאָל דאָס האַרץ פון וועלט
נאָך ווען עס איז אַ טרייסל טון און העל צעצינדן; —
פון האַרץ טריפט בלוט, טריפט סם, טריפט טויט, — און דאָך עס פעלט
מיט וואָס די בייזע וווּנד פון גוסס צו פאַרבינדן.

כ'האָב נישט פאַר דיר קיין האַס, כ'האָב נישט פאַר דיר קיין ליבּ,
און נישט פון טרויער, נישט פון ליכטיקייט קיין בשורה, —
איך זע דיך, וועלט, זיך וואַלגערן אין גרויען שטויב —
אַן אויסגעטאָרעט־קראַנקע הינטישע פגירה.

דעם ווילדן אורעמענטש, אָ, אַ שבח אים זאָגן כ'מעג! —
ס'האָט נישט געאַרט אים פון דער חיה די יסורים? — —
פון אורמענטש ביז צו אונדז איז נאָך געוועזן אַ וועג, —
ווהין, ווער ווייסט ווהין ס'וועט אונדזער וועג אונדז פירן?

עס שלאָגט זיך וואָרט מיט וואָרט און שווערד אַנטקעגן שווערד,
און געלט און נאַפט און אייזן — שנאה קעגן שנאה;
צעשטאָכן ליגט די ערד, — בלויז אויף אַ זעקסטל ערד,
איז פרייד אין אַלע שטעט, איז פרייד אין וועלדער גרינע...

אַנטווערפּן, 9־טער מערץ, 1941

פינצטערניש

זיי זענען היינט געגאַנגען מיט מיר און נעבן מיר,
געגאַנגען מיט אַזעלכע ברענענדיקע טריט, ווי איך;
מיט ווייס צוגעלענטע — צי פון פחד, צי פון פּיין? —
געאײַלט זיך צו דעם געטאָ־טויער אַזוי שטיל און גיך.

די ליפּן, ווי די דינע מעסערס, צוגעפּרעסט און שאַרף, —
און כ׳האָב געהערט אַ מעכטיק האַרץ געקלאַפּט האָט הויך און האַרט;
צי זענען לעבנס דאָ געווען? צי טויטע שאָטנס נאָר?
זיי האָבן אימהדיק פון ביידע זייטן זיך געשאַרט.

עד, שטומערהייט, אין פּנים נישט געקוקט זיך, דאָך דערקענט!
און נישט קיין האַס פאַרמאָגט פאַר די, וואָס כ׳האָב אַמאָל געהאַסט;
נאָר ברידערישע מיטלייד פון אַ תּפיסהניק אין צעל —
ס׳האָט גלייך געברוגזט זיך אויף אונדז דער הפקר פון דער גאַס.

וויי־וויי, ווי ס׳האָט די עוולה מיר אַ ברי געטון אין בלוט,
ווי ס׳האָט געוואָלט זיך צו דער וועלט אַ ריס טון מיט געשריי — —
נאָר פּונקט ווי היצעל נאָך דעם הונט, האָט מיך געפּאַר געיאָגט
און מיך געטריבן, ווי מיט בייטשן: — גיכער, גיכער גיי!״

איך בין געגאַנגען גיך, און — אַלץ די שאָטנס נעבן מיר,
די זון אויף וועגט — — פאַר מיינע פּיס איז פינצטערניש געווען, —
און אין דער פינצטערניש — געשטאַלטן, פון דער ווייט און נאָענט,
איך האָב זיי ווי פון פּייער־זיילן אויפגיין דאַן געזען.

דער רמב״ם, און — אוריאל אַקאָסטאַ פון אַמסטערדאַם,
און באַלד דערביי רב מאיר־אנשל ראָטשילד דער באַנקיר;
דער פאַבריקאַנט פּאָזנאַנסקי פון לאָדזש דער וועבער־שטאָט,
און בערעק יאָסעלעוויטש אין זיין מורדישן מונדיר.

און מעיעבעער, אַ פאַרשעמטער פון זיין פּיעדעסטאַל
אַראָפּגענידערט האָט און שטיל צו זיך אַליין גערעדט;
און היינע, אויף די אָרעמס פון מאַטילדע אָנגעלענט,
ער האָט פאַרלאָזן אין יסורים־אַנגסט, דאָס קראַנקן־בעט.

און ברוך שולמאַן מיט נפתלי באָטווין — זינגען זיי?...
צי ברומט עפּעס דער קוילן־גרעבער פון שאַרלערואַ? —
און ס׳שפּאַנט ביינאַנד דער שוסטער און דער סטאָלער און דער שמיד,
און ער, פון אַלע פראָנטן — אָט דער יידישער סאָלדאַט.

ס׳אַפּטייקערל ס׳געשמדטע, אָ, אַוודאי איז ער דאָ,
און נעבן אים, דערשלאָגן, יונה אַזעף שאַרט זיך מיט;
דער וווכערניק, דער פרומער און דער שעפערישער גייסט —
פאַרהונגערטע, צעווייטיקטע — זיי שלעפּן קוים די טריט.

איין גורל האָט אַ האַק געטון אונדז מיט אַ טעמפּער האַק,
איין פויסט האָט אונדז אַ הילכעדיקן זעץ־געטון אין ציין, — —
גייט אַזאַ פינצטערניש אַדורך דורך אַלע טעג און נעכט,
בייסט ערגעץ טיף אַריין זיך אַזאַ נישט דערהערט געוויין.

איך האָב די בלייכע שאָטנס נישט פאַרטריבן מער פון זיך,
און נישט קיין האָס פאַרמאָגט פאַר די, וואָס כ׳האָב אַמאָל געהאַסט;
ווייל איך — אָט־דאָ, און דו — אָט־דאָרט, אונדז אַלע פּאַטשט דער ווינט,
ס׳האָט היינט אויף אַלעמען פון אונדז דער שוידער זיך צעכעסט...

צי פירט אונדז נישט דער וועג איצט באַרג־אַראָפּ צו אַ תהום?
מיר איילן בלינד — און הינטער אונדז פייפט חוזקדיק די רוט;
איז ווער וועט זיין אָט דער, וואָס וועט דערלאַנגען אונדז אַ האַנט?
אַ האַנט אַזאַ, וואָס זאָל נישט איינגעטונקען זיין אין בלוט?... — —

אַנטווערפּן, 27־טער אויגוסט, 1941

פּאָעמע וועגן ווינט און... טינט

(פּאָלעמישע סאַטירע)

צו די, וועלכע טענהן, אַז ס'איז גענוג זיך
אויסצולערנען די כללים פון פערזיפיקאַציע,
כדי צו שרייבן לידער, און — זעלבסטפאַו־
שטענדלעך — במילא צו ווערן אַ דיכטער...

זייט־זשע מוחל, ליבער פריינט,
כ'גלויב, אַז איר האָט גוט געמיינט,

נאָר די זאַך איז אַנדערש נאָך
און אַ טעות האָט איר דאָך.

פערזן־טעכניק? — זייער פיין,
נאָר די טעכניק בלויז אַליין

איז נאָך נישט קיין דיכטונג־ספער;
דיכטונג — דאָס איז עפּעס מער!

באַלמעלאָכע־שניצעריי,
צי פון בראָנז, פון גיפּס, צי בליי;

מעג דער שניצער זיין ווי שטאָלץ,
האָלץ וועט תמיד בלייבן — האָלץ.

אויסגעקנעטן ס'ווערט אַ געטש,
טו אים דאָ צי דאָרט אַ קוועטש, —

געטש וועט שמייכלען טעמפּ און שטאַר,
גולמדיק און ווי אַ נאַר.

קודם־כל דער מענטש אַליין,
אין זיין אייביקן באַשטיין,

אין זיין וואָרער הײליקייט,
אין זיין נידערטרעכטיקייט.

אין זיין אָרעמקייט, פאַרשעמט! —
אין זיין רייכקייט, וואָס זי בלענדט;

אין זיין גורל־ראַנגלעניש,
אין זיין אומקום־ציטערניש...

פעלט דער אָטעם, — לעבן פעלט!
ס'יאָגט אַ וויסטע, בייזע קעלט; —

פרירט דער שאַפער, פרירט דאָס ליים,
ווערט אַ שאַפונג — זומפּיק שליים.

לעבן — דאָס איז מאַרך און בלוט;
לעבן — דאָס איז קאַמף און מוט.

האָפענונג און פרייד און פיין,
איובס יאוש נאָר אַליין.

און דער קונצנמאַכער בויט,
בויט — און ס'שפּאַנט מיט אים דער טויט;

בויט און איז שוין פאַרטיק באַלד
און דאָס קאָרטן־הויז צעפאַלט.

פאַלט, צעפליט זיך אינעם ווינט,
בלייבט דאָרט שטיין אַ קראַנקער הונט, —

וואַכט דער הונט בייטאָג, ביינאַכט,
און אַ וואָנע ווײנט און לאַכט...

איז דען עמעצער אין כעס?
קאָן מען האַסן — משוגעת?

אַ רחמנות איז נאַר, כ'ווייס,
אויף דעם קונצנמאַכערס פלייס.

ווייל פון פערז בלויז די טעכניק,
דאָס איז דראַפּעו זיך אויף שטריק; —

פון אַ דרעקסלער — דרעקסלעריי
און ס'בלייבט פוסטע פלוידעריי...

ווערטער, ווערטער, — אַזאַ ים,
אָן אַ פּלאַן און אָן אַ טעם, —

צי עס קלעפּט זיך יאָ צי ניין?
צי מע וועט עס אויך פאַרשטיין?

דאָס איז שוין נישט וויכטיק מער,
נאָך אַ טראַכט און נאָך אַ קלער.

ס'קומט אַרויס — אַ דאַנק אַללאַ!...
אַ באַשעפעניש אַזאַ.

און אַלמעכטיק איז דער מאַן,
ער הייסט: „מיסטער גראַפאָמאַן“, —

ער קאָן אַלץ און ער ווייסט אַלץ,
ער האָט געלט און ברויט און שמאַלץ.

ר׳האָט אַ שטוב, אַ ווייב, אַ קינד,
ר׳האָט אַ בעט, אַ טיש, און... טינט;

גלוסט זיך אים אַ שרייב־טון אויך,
נאָר אין מוח ווערט אַ רויך.

מוזע, שמוזע — וואָס איז ווערט?
אַז ער האָט דאָס אַלץ אין דר׳ערד...

וויל ער — טראָגט ער לאַנגע האָר,
ווערט באָהעם שוין אויף דער וואָר...

אויך באָדלער, ווערלען און פאָ
האָבן ליב געהאַט אין שעה

פון פאַרגעסנהייט און שווונג
אַ גרויס־כוסהדיקן טרונק...

וואָלט נישט היינע — ווי עס איז
אויף מאָנמאַרטער אין פּאַריז

איצט געשלאָפן דאָרט אין רו,
ר׳וואָלט געווען מיט אים אויף „דו״.

אויף אַ שפּיץ פון אָטאָמאַן
רייט דער מיסטער גראַפאָמאַן, —

בייסט די פעדער, בייסט די צונג,
וויל אַ ברום־טון און אַ זונג.

נאָר ווי שפּינוועבס פון דער וואַנט,
עך, צעקריכט עס זיך אין האַנט, —

וויל אַ זונג־טון און אַ ברום,
נאָר כאָטש נעם און ברענג זיך אום.

שפרינג פון פענצטער, שפרינג פון דאַך,
אַז דער שטן זיצט און לאַכט, —

ווײל אַ זונג־טון און אַ ברום,
נאַר — געניזוקט ווערט זײַן רום...

שיט ער ווערטער גאַנצע זעק,
נאָך אַ שרײַב און נאָך אַ מעק, —

ווײנט מיט טינט און קלאָגט מיט טינט;
צו זײַן רום איז ווײ־און־ווינד...

מאַכן „לידער" אָט אַזוי,
מיט אַן „אָכץ" און מיט אַן „אוי",

קאָן מען טאַקע אײנס־און־צווײ,
גרינג, — ווי ס'לײגט אַ הון אַן אײ...

מײנט איר ווידער אַזוי סתם,
אַז מיט אַ געטאָקטן גראַם

קאָן מען אויספּלעכטן זיך שוין
פון דער דיכטונג גאָר אַ קרוין?

דיכטונג — דאָס איז בלוט און פלאַם,
גאָלד און פײער, ווײַן און סם;

נשמה־פיבער, וואַנזין־בראַנד —
ס'איז דאָס ווײטסטע, פרעמדסטע לאַנד.

דיכטונג — איז אַ פונק פון גאָט...
דיכטונג — יענע טרוימען־שטאָט,

ס'בלענדט דאָרט ס'ליכט פון פּראָמעטײ,
און ס'פלאַמט אײביק דאָרט דער סנה.

און אויף שווינדלדיקער טרעפּ,
איבער אַקסלען, איבער קעפּ, —

מיט אַ בליק, וואָס וויַיט און קלאָר,
שטייגט דער נביא פון זיַין דור.

און דאָס לאַנד איז זילבער־וויַיס,
פראָסטיק־קאַלט, אי גליאיק־הייס —

טאָג — די לויטערדיקסטע פּראַכט
און די פינצטערסטע — די נאַכט.

און דער שטורעם דאָרט איז בלינד
און ס'פּייפט אימהדיק דער ווינט, —

ווער עס קאָן נישט וויַיטער גיין,
בליַיבט פאַרלאָזן און אַליין.

ס'איז דאָרט צער — דער גרעסטער צער,
די יסורים — אָן אַ שכר; —

ס'איז די פרייד דאָרט — העכסטע פרייד;
כּישופט גינגאָלדן דאָס קלייד.

שטיל און שטילער איז ס'געזאַנג,
ווי די תּפילה פון אַ זאַנג, —

ווי דאָס מורמלען פון אַ טייך
אין דעם חלומס קיניגרייך.

דיכטונג — אין התבודדות זיַין;
איינזאַם קאָלערט זיך ס'געוויין,

ווי אַ מעסער בלאַנק צעהעלט,
שניַידט עס זיך אַדורך דער וועלט.

אין דעם שלאַנקן פּערזן־בוי,
שפּילט זיך פרילינגדיק דער טוי; —

לייכט און לויטער ווי אַפּריל
איז דער ריטם זאַנפט און שטיל...

אין דעם ריטם פון געדיכט
מיניעט רעגנבויגן־ליכט —

רייפער זומער, זאַטער שניט,
און — געבוירן ווערט אַ ליד...

ביי דעם אמתן פּאָעט
איז די טעכניק — אַ בראַסלעט,

חנעוודיק און בלינקט אַזוי
ווי אויף האַנט פון צאַרטער פרוי.

ס'איז אויף האַלדז — אַ פּערל־שנור;
אַ פּרעציז און דין גראַוויור;

צו אַ בילד מיט מיידל־ברעם,
אַזאַ סטיליזירטע רעם...

פּערזן שמידן? — דאָ אַנטפּלעקט
שוין זיין קונסט דער אַרכיטעקט;

בויט און בויט, ביז ער בויט אויס
וווּנדער־פּאַלאַץ, זיילן־הויז.

בויט ער אויס לויט זיין קאַפּריז,
באַלוסטראַדע און קאַרניז.

רונד, עליפּטיק און געוועלבט —
ביז קופּאָל אין זון צעהעלט.

פערזן שמידן? — דאָ אויפסניי
איז דער סקולפּטאָר שוין דערביי;

און אין ליניע פון מאַרמאָר
פאַליען שטיפערישע האָר.

ציטערט וויע, שמייכלט אויג
און די קני איז גרייט צום בויג, —

איז די האַנט געמאַכט פון שטיין?
זע, זי הויבט זיך אויף אַליין...

ס'איז סימפאָנישע מוזיק —
קאָמפּאָזיטאָרס מייסטער־שטיק; —

רייצנדיקע אָרכידיי —
ס'איז די שיינקייט־שפּילעריי...

אויך אַ חלף קאָן עס זיין,
וואָס עס שניידט אין האַרץ זיך איין;

אַזאַ חלף, ווייס און בלאַנק —
בליצט עס אויף מיט אַ געזאַנק...

און עס קאָן אַ האַק אויך זיין,
פונדאַמענטן האַקט זי איין,

דאָרט וווּ ס'פּוילט, ברעכט אויף און יערט —
גראָבט זיך איין אין שוואַרצער ערד...

און עס קאָן אַ שווערד אויך זיין,
אין מלחמה־פעלד צו גיין,

קעמפנדיק — צו זינגען דאָרט,
ווען ווי שאַרפער שטאָל ס'איז וואָרט...

— — — — — — —
— — — — — — —

זייט־זשע מוחל, ליבער פריינט,
כ'גלויב, אַז איר האָט גוט געמיינט,

נאָר נישטאָ קיין שווערער „פאַך",
ווי — צו קאָנען דיכטער־שפּראַך...

אַנטווערפּן, 30־טער סעפּטעמבער, 1941

ליידיקע ווענט

1

זי האָט געוווינט דאָ אין דעם הויז,
איך הער נאָך אירע טריט;
פון אונטער אירע פינגער האָט
געקלונגען צאַרט דאָס ליד.

אָט דאָ האָט זי אַרומגעשפּאַנט,
געזעסן דאָ, געלאַכט, —
און זיך געשפּיגלט אין איר לייב
פאַרשעמט אין האַלבער נאַכט.

מיר דאַכט, עס שוועבט נאָך אום איר קול
אין חלל אַזוי קלאָר, —
איר קול, וואָס העל עס איז געווען,
ווי אירע אַכצן יאָר.

2

דאָ האָט צעברויזט אין שטורעם זיך בעטהאָוועז, —
שאָפּען געטרוימט פון פּוילן האָט — זיין היים;
און מאָצאַרט האָט אויף לייכטע אָדלער־פליגל
זיך אויפגעהויבן ערגעץ־ווו געהיים.

און אפשר האָט עס בראַהמס אַזוי ראָמאַנטיש
דערציילט פון מיידלש־זילבערדיקן גליק?
און אפשר איז׳ס געווען אַ שטילע תפילה
און דאָס געוויין אין טרויער־ליד פון גריג.

אָ, וויפל מאָל איך האָב דיך נאָר געזען,
כ׳האָב דיך באַוווּנדערט, ווירטואָזן־קינד, —
דו ביסט אַוועק. די ווענט, זיי גאַפן שטומע,
און כ׳הער נאָר בלויז דאָס מורמלען פונעם ווינט.

3

עס האָט געלעבט אַ קינד אין וואַלד פון טענער,
אין גרינעם וואַלד — באַשאָפּענעם אַליין; —
מען האָט געזען די זון דאָרט אונטערגיין
און אין פרימאָרגן אויפגיין העל און שענער.

און ווען איך בין דעם וואַלד פאַרבייגעגאַנגען,
עס האָט מיין האַרץ געצויגן זיך אַהין,
פון וואַנען אָט אַזוי פאַרחלומט־דין
געהערט זיך האָבן פון קלאַוויר די קלאַנגען.

4

וווּ איז דען איצטער דײַן געצעלט,
אויף ווײַטע וועגן פון דער וועלט?

צי האָסט אַ כאַטע כאָטש פון לײם,
צו בויען זיך דײַן שטילע הײם?

עס האָט דער גרויל, ווי שאַרפע שווערד,
דעם אויפבלי פון דײַן ליד צעשטערט.

פאַרהאַקט ס'געלעכטער צווישן צײַן —
און כ'הער אַ שנײַדנדיק געוויין.

נאָר ווײס, איך האָב עס דיר פאַרטרויט,
די לײדן זענען אונדזער ברויט.

אָ, קינד, פון שלעכטס נאָר ווער באַהיט,
זאָל ווײַטער הילכן פרײַ דײַן ליד.

אַנטווערפּן, 15־טער מערץ, 1942

גאזעלן

1

כ׳ווייס נישט, ליבסטע, ווו דו ביסט איצט,
צי דו אַרבעטסט, צי דו רוסט איצט;

אַך, ווען כ׳זאָל כאָטש קאָנען אַנען
וואָס דו טראַכסט און וואָס דו טוסט איצט.

ס׳איז דאָס לאַנד, ווו דו געפינסט זיך,
אויסגעפייניקט און פאַרוויסט איצט.

אונדזערביידנס שענסטער חלום
וואַלגערט זיך דאָרט אויפֿן מיסט איצט.

בלוטיקט ס׳האַרץ אויף חורבן מיינעם
און אויף דיינעם, ווו דו ביסט איצט.

2

וי ווייניק כ'האָב באַזונגען דיך אין מיינע לידער,
איך פיל, אַז כ'וועל פון טאָג צו טאָג אַלץ מיד און מידער;

און אויסגעלאָשן ווערט מיין אויג דאָס ליכטיק־העלע,
מיין האַרץ — אָט פלאַמט עס פלוצים אויף אַמאָל נאָך ווידער.

עס האָבן אַנגסטיקע יסורים מיך געלייטערט,
געהעמט מיין שטורמיש וואָרט, פאַרמאַטערט מיינע גלידער.

קוים טויך איך אויף, איך ווייס, אַז באַלד נאָך דעם וועל איך,
ווי אויפן ים אַ בראָך־שיף, זינקען אין דער נידער.

נאָר נישט פאַרגעסן האָב איך דיך, ווי כ'האָב נישט קיינמאָל
ביז איצט פאַרגעסן מיינע שוועסטערן און ברידער.

3

ביז לעצטן פרילינג מיינעם אָדער האַרבסט פאַרגיי,
כ׳וועל קיינמאָל מער נישט זעען דיך שוין סיי־ווי־סיי.

אָ, דו, וואָס ביסט דאָס העלע ליכט פון טאָג אין מיר,
דאָס ליכט — נאָך בלענדיקער און ווייסער פונעם שניי,

כ׳וועל אייביק טראָגן נאָמען דיינעם און דיין בילד,
אין די געבליטן, ווי אַ הייליקייט געטריי.

און כאָטש ס׳וועט קיינער נישט דערהערן מינדסטן קלאַנג,
וועט אויפגיין טיף אין מיר צו דיר אַזאַ געשריי,

אַזאַ געשריי — דורך וועלט פון רויך, פון פלאַם און בלוט,
און דו, ווו זאָלסט נישט זיין, דערפילן וועסט מיין וויי.

4

אין נאַכט צעריסענער דערשראָקן ביסט אַרויס,
מיט פּחד ביסט אַרויס פון ברענענדיקן הויז.

געזוכט אַ נאָרע ווו, אַ קעלער אין דער טיף,
פון טויט צו שיצן זיך ווי אַ געיאָגטע מויז.

און ס׳גאַנצע האָב־און־גוטס אַוועק איז מיטן רויך,
און דו געבליבן ביסט אַ נאַקעטע און בלויז.

אויף ערד אויף האַרבסטיקער געפּליקט פון ווילדן ווינט,
אויף ערד אויף האַרבסטיקער — אַ ווייס און צאַרטע רויז.

און איינגעקאָרטשעט האָסט זיך אַזוי קליין און שוואַך,
אַ הילפלאָז קינד — אין מיט פון מעכטיקן געברויז.

אָ, גאָט! אין ווייטער פרעמד, געווען כ׳בין דאַן מיט דיר,
געפיבערט גלייך ווי דו, געוואַרט דעם טאָג כ׳האָב אויס.

און ווידער כ׳האָב געזען דיך ליכטיק ווי אַמאָל,
מילד איינגעוויגט און צוגעטוליעט אויף מיין שויס.

עס איז מיין האַרץ און מיין נשמה איצט מיט דיר,
און תמיד כ׳בין פאַר דיר מתפלל אַזוי הייס.

איז גרויס דער ווייטיק, עד, פאַרוואָס כ׳האָב נישט געקאָנט
דיך העלפן ראַטעווען פון ברענענדיקן הויז.

5

ס'איז נישט קיין סוד פאַר דיר ווי פיל איך האָב געליטן, —
געזען דעם טויט... און דאָך דעם חלף אויסגעמיטן! —

מיט שאַרפע ציין אין לעבן כ'האָב זיך איינגעביסן, —
מיט מיר איז דער נצחון! כ'האָב זיין פרוכט געשניטן!...

כ'האָב אויסגעברענט דעם האַס, ווי אַ פאַרסמטן וואָרעם, —
די גוטסקייט — ווי אַן אוצר — אין מיין האַרץ געהיטן.

כ'האָב מיינע מעשים — וווּנדער־טורעמס — נישט פאַרענדיקט,
נאָר ס'בליען נאָך אין גאָרטן מיינעם ווייסע בליטן.

בין איך אין שטילע נעכט צו מיר אַליין מתפלל,
וואָס כ'האָב אין טעג פון גרויל מיין ליבשאַפט נישט געביטן.

זאָל זיין, אַז כ'גיי די וועלט אַדורך אַזוי פאַרביטערט, —
פלאַמט העל אַ ווילן טיף ביי מיר אין די געבליטן.

און כאָטש איך האָב געזאָגט: „פיניטא לאַ קאָמעדיאַ"... —
כ'האָב דאָך פון טויט דעם בלאַנקן חלף אויסגעמיטן!...

6

ביי פראַנקרייכס גרענעץ, אויפן ברעג פון צפון־ים,
געלעגן בין איך אויף די פעלדער פון לאַ פּאַן;

געדיכט געהאָגלט ס׳האָט מיט קוילן טאָג און נאַכט,
צי וועסטו גלויבן? אויך געטראַכט פון דיר כ׳האָב דאַן!

ווו ס׳האָט מיין אויג געגרייכט, נאָר וואָלקנס פלאַם און רויך, —
פון לעבן ביז צום טויט געווען איז בלויז אַ שפּאַן.

אין אַנגסט געלאָפן, אָט געוואָרפן זיך צו דר׳ערד;
— איז אונטער דיינע צווייגלעך ווו אַ גרוב פאַראַן?

אָ, גורל אָרעמער! דערנענטערט מיך צו דיר
ס׳האָט די באַליידיקונג אויף פעלדער פון לאַ פּאַן.

פאַרפרעסט דעם אָטעם, — זיך געקורטשעט ווי אַ הונט;
געטוליעט נעבן מיר — אַ פרעמדער, בלייכער מאַן.

איך האָב געהערט דעם ריטם פון דער מיטראַליעז,
און האַרט איבער מיין קאָפּ ס׳געגרויש פון עראָפּלאַן.

און לאַנגע שעהן פון קאַנאָנען דאָס געבריל, —
פון פייער כ׳בין אַרויס. קיין הויז, קיין וועג, קיין באַן...

איז נישט אַ נס געשען, אַז כ׳בין נאָך איצטער דאָ?
ווען כ׳בין געלעגן אויף די פעלדער פון לאַ פּאַן...

7

עס ליגט נאָך אַלץ ביי מיר דאָ אויפן טיש אַ ברויט,
אַזאַ מלחמה־ברויט אין דער מלחמה־נויט;

און דאָרט ביי דיר איז דאָס אַ ווייטער חלום בלויז
אין דעם באַגינען־בלאָ און אינעם אָוונט־רויט.

און כ'וואָלט געוואָלט, אַז ס'זאָל דיין חלום ווערן וואָר,
ווי וואָר צו הונגער־פּיין געוואָרן ביסט געניט.

נאָר, וויי־און־ווינד, ווער האָט דעם מענטש אַזוי פאַרשעמט?
אויף גאַסן וואַלגערט נאַקעט לעבן זיך אין קויט.

עס גייען מתים אין בית־עלמין־שטאָט אַרום,
געשטאַלטן פינצטערע פון טרוקן ביין און הויט.

— „מעג ברענען אַזאַ וועלט!" — האָט עמעצער געטון
אַ וואָרף זיין לעצטע קללה הינטער בלינדן פּלויט...

כ'שטרעק אויס די הענט צו דיר, — צי וועסטו מוזן שוין
פאַרבלייבן אייביק אינעם קיניגרייך פון טויט?...

8

פון בעלגיע האָב איך דיר אַ גרוס געבראַכט,
נאָך זיבן יאָר, אַ גרוס אָט שטיל און זאַכט.

צי וועלן מיינע ווערטער דען אַמאָל
דערגיין צו דיר אַהין דורך טונקלער נאַכט?

און כאָטש כ׳בין ווייט פון דיר, איך האָב געהערט
ווי ס׳האָט דער טייוול ווילד זיך דאָרט צעלאַכט.

און אויפגעשווידערט האָב איך טיף אַזוי
אין וואַנזין־פיבער, ביז איך האָב דערוואַכט.

דערוואַכט אין אונדזער טרויעריקער וואָר; —
פון בעלגיע האָב איך דיר אַ גרוס געבראַכט.

9

ביי לבנה׳ס בלאַסן שיין,
כ׳ברענג — ווי לאָגלען ווײַן — מיין פּיין;

ריזלט דורך דער בלאָער נאַכט
עמעצנס אַ דין געוויין.

גייט דאָס קול אַוועק צו דיר:
— ליבסטע, ליבסטע, הער זיך איין...

נאָר דו ביסט אין שטוב נישטאָ,
ביסט אין שטוב נישטאָ, אָ, ניין. —

זוכט עס דיך אַרום און זוכט —
דאָס געוויין פון מיין געביין.

זוכט עס דיך אַרום און זוכט:
— זאָג, ווו, ליבסטע, קאָנסטו זיין?

נאָר ביים סוף שוין פון דער שטאָט
בלייבט עס פלוצים אַזוי שטיין.

קלאַפּט עס אין אַ הייזל אָן,
אין אַ הייזל — עלנט, קליין,

ווי אַ סאָווע וואַכט די נויט
איינזאַם דאָרטן און אַליין...

ביי לבנה׳ס זילבער־ליכט,
אַזוי לויטער, אַזוי ריין,

ריזלט דורך דער בלאָער נאַכט
עמעצנס אַ דין געוויין...

10

איך ווייס נישט צי וועלן זיי דיר גאָר געפעלן,
די צאַרטע, די בלייכע, די שטילע גאַזעלן.

די לידער פאַרבענקטע, ווי טרויריקע פייגל,
וואָס שוועבן אַנטקעגן אַ טאָג אַזאַ העלן.

וואָס שוועבן אַוועק, ווי שליחים פון דאַנען,
און בלייבן שטיין שטומע ביי עמעצנס שוועלן.

איך ווייס נישט צי וועלן זיי דיר גאָר געפעלן,
די צאַרטע, די בלייכע, די שטילע גאַזעלן.

עס ציטערן טענער און אָט באַלד זיי ברומען,
אַזוי ווי ס'געמורמל פון שוימיקע וועלן.

איך האָב זיי געזאַמלט — שניי־ווייס און העל־בלאָע,
פאַר דיר — אַזאַ שנירל פון לויטערע קרעלן.

איך ווייס נישט, צי וועלן זיי דיר גאָר געפעלן,
די צאַרטע, די בלייכע, די שטילע גאַזעלן.

אַנטווערפן, 7—10 אַפּריל, 1942

אינהאַלט:

I

זייט

*** 13
דאָס יונגע מאַי־ליד 14
מיין היים 16
*** 17
*** 18
פון אַלעמען פאַרלאָזן 19
דאָס ליד פון ממזר 20
ס'איז אַ בלוט־רויטע זון אויף מיין פענצטער געפאַלן 21
*** 22
*** 23
הונגער 24
יעדער מענטש איז אַ וועלט אַ באַזונדערע 25
כ'האָב ליב... 26
*** 27
*** 28
צו דיר, וואָס איך וועל דיך שוין קיינמאָל נישט זען 29
אויף דער יאַסנע־גורע 30
*** 31

II

*** 35
אַ תפילה פון אַ הונגעריקן 1 36
" " " 2 37
אין טאַנץ פון פאַרגעסונג 38
אין שפּיטאָל 39

זייט

***	40
פרייד	41
אַ זעאונג	43
***	44
זון...	45
***	46
כ׳האָב פאַר קיינעם קיין פרייד נישט...	47
***	48
איך אַנקער אָפּ מיין שיף	49
אין שטאָט־רויש	50
***	51

III

ביי וועמען?	55
דאָס ווייסע ליכט	57
קברים	58
דאָס געשריי פון דער ערד	59
מיר יונגע זענען געטער	60
הינטערן פענצטער פון מיין הויז	61
אין כישוף־וואַלד	62
דורות 1	63
„ 2	64
„ 3	65
***	66
מאַראַנען	67
און כ׳האָב אַזוי גערעדט צו מיר אַליין	68
מיט די הענט צו דער שטאָט 1	69
„ „ „ „ 2	70
„ „ „ „ 3	70
פראָסט און זון	72
צום טורקעסטאַנער	74
צום יוגנטלעכן אַרבעטער	75
פון אַלע דיינע שוועסטערן	77
דערלייזונג	78
דעם בעסטן	79
איך גיי נישט שלאָפן	80

זייט

תלינים 81
קום אַהיים, אַלבערט 82

IV

אומרו 85
אפשר ? 86
אַ זיגער־טאָג 87
*** 88
איז דאָס אַ זינד ? 89
צי האָט ער אין די לידער מיך געמיינט ? 90
כ׳וועל אויסגיין אין הייליקן וואַנזין 91
נאָך איינמאָל זען דיך אָט אַזוי 92
אויף גאַסן אומבאַקאַנטע 93
מיט פאַרבראָכענע הענט 94
צי קאָן אַזאַ מענטש נאָך אַ מונטערער זיין ? . 95
קיינמאָל נישט 96
איך 97
*** 98
חלומות מיינע 99
אַ יונג פון דער גאַס 100
כ׳וועל בלייבן אַליין אין מיין הויז 101
אַ גרוס דיינע ברידער 102
איך גיי מיין וועג באַזונדער 103
אין אַ זומער־נאַכט 104

V

איך בין אַריינגעגאַנגען אין דער וועלט... 109
ווען עמענס וועג אינעם לעבן ס׳איז גלייך... ... 110
אָנזאָג 112
און אויב איך האָב אַמאָל אַ הייליקן געזען 113
עס לעשט זיך אויס דער לעצטער פלאַם 114
די לידער מיינע זענען נישט קיין פרילינגס־בלומען . 115
ווער ס׳מיינט, אַז כ׳בין אויף אייביק שוין פאַרפאַלן . 116
אייביק 117
ווען כ׳רוף צו גאָט 118

זייט

דער נעגער האָט שוין זיינס געטון...	119
***	121
די וועלט אַ בית־עלמין...	122
ס'האָט פאַרלוירן דאָס וואָרט זיין באַדייט	123
און אַז אַ מענטש איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין ?...	125
איין־איינציק ליד געניג כ'האָב פאַר מיין לעבן...	127
צוועלף	128
די גאַס	130
„זשיד !"	131
עדגאַר אַלען פּאָ	133
עס איז אַ לויטערע און הייליקע די שעה...	135
אַ הימן צו דער פרוי	137
איך וויס...	138
אַנטוישונג	139
געשריי אין דער נאַכט	141
וווהין זאָל מען גיין ?...	142
מעוועס אין ווינט	143
יידן אויף דער לאַנגער קיוויט	144
יידן אויף דער פּעליקאַן	146
מנחם־מענדל און טשאַרלי טשאַפּלין	147

VI

כ'באַטראַכט זיך אַליין ווי אַ וווּנדער	151
אַ מענטש גייט אַרום אויף דער וועלט	152
אונטער וועמענס פאָן ?	153
איך האָב דאָס לעצטע וואָרט נאָך נישט געזאָגט	154
אין אַ בייזער שעה	155
אייראָפּע	156
געוועזן און אַוועק און נישטאָ...	157
פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי	159
איך זע דיין נאָמען און איך הער דיין קול	161
אין דיינע הענט איך טרוי מיינע חלומות	163
מיין פרייד — אַ תפילה איז צו גאָט	164
אָ, ברידער מיינע !	166
יוסף באָוושאָווער 1	167
„ „ 2	168

זייט

יוסף באָושאָוער 3	169
„ „ 4	170
ווייסער צוויט	171
איך זע דיך, וועלט, אַזוי...	173
פינצטערניש	174
פּאָעמע וועגן ווינט און טינט	176
ליידיקע ווענט 1	185
„ „ 2	186
„ „ 3	187
„ „ 4	188
גאַזעלן 1	189
„ 2	190
„ 3	191
„ 4	192
„ 5	193
„ 6	194
„ 7	195
„ 8	196
„ 9	197
„ 10	199

ביכער פון ביינוש זילבערשטיין

1. אין אייגענעם קרייז (לידער) ..... וואַרשע, 1922
2. סאַנקט העלענע אינדזל (פּאָעמע), „ 1925
3. הימן צו אויסגעלייזטער ערד (פּאָעמע), „ 1927 (קאָנפיסקירט)
4. אייביק פאַרמשפּטע (נאָוועלן), ... „ 1928
5. פינצטערע דערציילונגען .... „ 1929
6. ברויט (ראָמאַן אין פיר טיילן) ... ווילנע, 1930
7. עסן! (ראָמאַן אין פיר טיילן), אין מאַנוסקריפּט
8. ברוך שולמאַן (דראַמאַטישער רעפּאָרטאַזש) 1934
9. קאַרנאַוואַל (דערציילונג) 1934
10. בלוט אויף מיינע הענט (נאָוועלן), ... 1934

אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן ביניש זילבערשטיין

1. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע:

א) 10־טער אויגוסט 1928
ב) 12־טער יולי 1929
ג) 9־טער מאַי 1930
ד) 16־טער מאַי 1930
ה) אויגוסט 1930
ו) 28־טער פעברואַר 1935
ז) 13־טער סעפּטעמבער 1935

2. אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער פּראָזע אין פּוילן.

3. אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס־איירעס:

א) אַפּריל 1954
ב) נומ׳ 7—8 1954

4. „פאָלקס שטימע״, וואַרשע, 1947, נומ׳ 45 און 54
5. לעאָ פינקעלשטיין, „צוקונפט״, ניו־יאָרק, מאַי 1948
6. דניאל טשאַרני, „צוקונפט״, ניו־יאָרק, 1943
7. ד. לעהרער, „צוקונפט״, אַפּריל 1943
8. ב. פעדער, „נייע פּרעסע״, פּאַריז, 9־טער אַפּריל 1948
9. מלך ראַוויטש, „מיין לעקסיקאָן״, באַנד 1
10. מאָריס קאַץ, „לשון און לעבן״, לאָנדאָן, 1948
11. לעאָ פינקעלשטיין, „פדיון השם״, קאַנאַדע, 1948
12. „איינקייט״, מאָסקווע, 17־טער יוני 1942
13. ב. קוטשער, „געווען אַמאָל וואַרשע״, פּאַריז, 1955
14. ד. לעהרער, „די פּרעסע״, בוענאָס־איירעס, 1950
15. „קיום״, פּאַריז, מערץ 1948
16. משה שולשטיין, „פּאַריזער צייטשריפט״, פּאַריז, 1955
17. ש. ניגער — ניו־יאָרק, 1930, רעצענזיע פון ראָמאַן „ברויט״
18. י. באָטאָשאַנסקי — בוענאָס־איירעס, 1930, רעצענזיע פון ראָמאַן „ברויט״.